STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10759

YIDISHE KINDER BEYS

Mates Olitzky

Permanent preservation of this book was made possible
by Gerald F. Simon
in memory of
his wife, Anna Ida Simon

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ייִדישע קינדער

ב

מ. אָליצקי   י. מלאָטעק

ייִדישע קינדער

ב

אַרויסגעגעבן פֿון
בילדונגס-אָפּטיילונג פֿון אַרבעטער-רינג
ניו-יאָרק, 1975

YIDISHE KINDER
B

(JEWISH CHILDREN)

JOSEPH MLOTEK

MATIS OLITSKY

Copyright 1975 by
THE EDUCATION DEPARTMENT
OF THE WORKMEN'S CIRCLE

אילוסטרירט פֿון צירל גראָבלאַ־וואַלעצקי
Illustrated by Tsirl Grobla-Waletzky

Printed in the U.S.A. by

Printed by: KNIGHT PRINTING CORP.
382 Lafayette Street, New York, N. Y. 10003
96

אַ וואָרט פֿון די מחברים

„ייִדישע קינדער ב'" איז דאָס צווייטע בוך אין דער סעריע נײַע לערנביכער פֿאַר דער ייִדישער שול, וואָס מיר האָבן פֿאַרטראַכט אין יאָר 1959, ווען מיר האָבן אַרויסגעגעבן י. מלאָטעקס בוך „ייִדישע קינדער א'". אַ צווייטע און פֿאַרגרינגערטע אויסגאַבע פֿון דעם בוך איז אַרויס אין יאָר 1971. מיר האָפֿן ממשיך צו זײַן די סעריע מיט נײַע פֿאַרגרינגערטע לערנביכער פֿאַר די ווײַטערדיקע קלאַסן. די ביכער פֿון דער סעריע זײַנען צוגעפּאַסט צום פּאַקטישן ניוואָ פֿון ייִדיש-לימוד אין די ייִדיש-וועלטלעכע שולן. דער וואָקאַבולאַר איז קאָנטראָלירט, דער סטיל איז אַ לײַכטער און די טעקסטן זײַנען קורצע.

דאָס בוך איז אַ המשך פֿונעם לערנבוך פֿאַרן ערשטן קלאַס. די קינדער טרעפֿן זיך ווידער מיט זייערע באַקאַנטע מאָטעלע און גיטעלע, מיטן פֿריילעכן פֿעטער מלך, מיטן לערער און טאַטע-מאַמע. עס ווערן געבראַכט טעקסטן וואָס זײַנען אַרײַן אין דער ערשטער אויפֿלאַגע פֿון י. מלאָטעקס „ייִדישע קינדער", אָבער וואָס זײַנען ניט פֿאַראַן אין די שפּעטערדיקע אויפֿלאַגעס. אַן אַנדער טייל פֿון דעם מאַטעריאַל אין דעם בוך איז גענומען פֿונעם לערנבוך „ייִדישע קינדער" פֿון ז. יעפֿרויקין און י. מאַרק. די מעשׂהלעך זײַנען אָבער שטאַרק געקירצט און די שפּראַך פֿאַרלײַכטערט. אויך אַ טייל לידער האָבן מיר זיך דערלויבט צו קירצן אָדער צו ענדערן.

דער אינהאַלט פֿון די מעשׂהלעך און לידער איז אַ ייִדישער: ייִדישע יום-טובֿים, אגדות, מעשׂהלעך פֿון חומש און פֿון געשיכטע. אין דעם בוך איז אויך צוגעגעבן געוואָרן אַ סעריע „דער זיידע דערציילט", כּדי די קינדער פֿון וועלטלעכע היימען זאָלן זיך באַקענען מיט ייִדישע טראַדיציעס און מיטן אַמאָליקן

יידישן לעבנסשטייגער. עס זײַנען אויך אַרײַנגענומען געוואָרן לייען־מאַטעריאַלן וועגן יידן אויף דער וועלט, וועגן ישׂראל, אַמעריקע און אַמעריקאַנער יום־טובֿים.

דאָס בוך איז טיילווײַז אַן אַרבעטס־בוך. עס האָט גרינגע גראַמאַטישע איבונגען צו טאָן אין שול אָדער אין דער היים: וועגן אַרטיקל, איצטיקע און פֿאַרגאַנגענע צײַט, איינצאָל און מערצאָל, קאָנגנזאַצן. כמעט נאָך יעדער מעשׂהלע און ליד קומען דערקלערונגען פֿון די נײַע ווערטער אין ענגליש און קורצע פֿראַגעס, אויף וועלכע די קינדער דאַרפֿן ענטפֿערן מינדלעך און שריפֿטלעך. צו טייל לידער ווערן געבראַכט נאָטן.

די צייכענונגען אין בוך און די הילע האָט געמאַכט די קינסטלערין צירל גראַבלאַ־וואַלעצקי. די צונויפֿשטעלערס פֿון „יידישע קינדער ב״ דריקן אוים זייער דאַנק די חבֿרים י. בלאַנק, שאול מאַליץ און י. נאַסקאָוויץ פֿאַר לייענען דעם מאַנו־סקריפּט און פֿאַר זייערע עצות און אָנווײַזונגען. אַ באַזונדערן דאַנק חנה גאָרדאָן־מלאָטעק פֿאַר לייענען די קאָרעקטור און פֿאַר צוגרייטן די מוזיק.

מ. אָליצקי

י. מלאָטעק

דער יום־טובֿ פֿון אַרבֿעט

ווען עס קומט „לייבאָר־דעי" ווייסן מיר: די וואַקאַציע איז אויס. באַלד גייען מיר ווידער אין שול אַרײַן זיך לערנען. מיר גייען ווידער זיך לערנען אין דער ענגלישער און אין דער ייִדישער שול.

„לייבאָר־דעי" איז דער יום־טובֿ פֿונעם אַרבֿע־טער אין אַמעריקע. דאָס גאַנצע לאַנד פֿרייט זיך וואָס מענטשן אַרבעטן און בויען. פֿון אַרבֿעט ווערט דאָס לאַנד רײַך. דער פֿאַרמער גיט דעם לאַנד קאַרטאָפֿל, פֿרוכטן, קאָרן, דער בעקער באַקט

ברויט, דער שנײַדער מאַכט קליידער, דער אינ־זשעניר בויט שטעט, דער לערער לערנט און דער דאָקטער מאַכט געזונט קראַנקע.

פֿון אַרבעט ווערט אונדזער לאַנד גרויס און שיין. מענטשן האָבן צו עסן, קענען קויפֿן נײַע קליידער, וואוינען אין שיינע הײַזער. אַלע העלפֿן מאַכן אַמע־ריקע שענער און בעסער.

עס איז דאָ אַ ייִדיש ווערטל: „אַרבעט איז אַ ברכה פֿאַרן מענטשן“. עס איז אמת. אַרבעט איז אַ ברכה פֿאַרן מענטשן און פֿאַר דער וועלט.

נײַע ווערטער

דער פֿאַרמער	farmer
די קאַרטאָפֿל	potatoes
דאָס קאָרן	grain
די פֿרוכטן	fruits
דער אינזשעניר	engineer
די שטאָט — די שטעט	city — cities
די ברכה	blessing
וואוינען	to live
דאָס ווערטל	saying

דאָס ליד פֿון אַרבעט

פֿון אונדזערע הענט אין דער אַרבעט
צעבליִען זיך פֿעלדער און גערטנער,
און שטעט וואַקסן אויס פֿון דער אַרבעט.
ווײַל ברויט קען ניט קומען אָן אַרבעט,
קיין קלייד קען ניט ווערן אָן אַרבעט,
קיין דאַך קען ניט זײַן אָן דער אַרבעט.

מיר האָבן צוויי הענט פֿאַר דער אַרבעט,
צוויי ליכטיקע אויגן פֿאַר אַרבעט.
מיר בויען די וועלט מיט דער אַרבעט,
מיר מאַכן זי שענער מיט אַרבעט,
מיר מאַכן זי רײַך מיט דער אַרבעט.

נײַע ווערטער

דאָס פֿעלד	**field**
די פֿעלדער	**fields**
דער גאָרטן	**garden**
די גערטנער	**gardens**
די שטאָט	**city**
די שטעט	**cities**
צעבליִען	**to blossom, grow**

צוריק אין שול

די צען וואָכן וואַקאַציע זײַנען גיך אַוועק. מאָטעלע און גיטעלע זײַנען שוין ווידער אין שול, אין אַן אַנדער קלאַס. אַלע קינדער פֿון לעצטן יאָר זײַנען ווידער דאָ. עס זײַנען געקומען פּערעלע, עטעלע, אַרעלע, לייבעלע און אַלע אַנדערע. עס זײַנען אויך דאָ נײַע קינדער: הערשעלע, משהלע, און גאָלדעלע. אַלע קינדער ווילן רײדן. אַלע האָבן וואָס צו זאָגן.

די לערערין שמייכלט צו אַלעמען. זי זאָגט:

— איך זע, אַז איר האָט אַ סך צו דערציילן. מיר וועלן דאָס טאָן מאָרגן, איבערמאָרגן. איצט לאָמיר פֿאַרשרײַבן וואָס מיר דאַרפֿן מאָרגן ברענגען.

די קינדער פֿאַרשרײַבן די זאַכן וואָס זיי דאַרפֿן ברענגען: העפֿטן, בלײַערס, דאָס נײַע בוך.

נײַע ווערטער

פֿון לעצטן יאָר	**of last year (who were here last year)**
פֿאַרשרײַבן	**to write down, to make a notation**
דער בלײַער — די בלײַערס	**pencil — pencils**

בּאַלד איז ראָש־השנה

אין אָוונט, בײַ דעם אָוונטברויט, זאָגט דער טאַטע:

— זע, מאַמע, זעט, קינדער, וואָס איך האָב!

ער נעמט אַרויס עטלעכע קאָנווערטן. די קאָנווערטן זײַנען קליינע. ער זאָגט:

— דאָס איז פֿון פֿעטער מלך. דאָס פֿון דער מומע לייקע פֿון מאָנטרעאָל און דאָס פֿון מײַנעם אַ פֿרײַנד אין פֿילאַדעלפֿיע. ווייסט איר וואָס דאָס איז?

די קינדער שרײַען:

— אוי, ווי שיין! אוי, ווי שיין, טאַטע! דאָס איז... דאָס איז...

— יאָ, טאַטע — זאָגט גיטעלע —

— דאָס שיקט מען... דאָס שיקט מען... —

— ראָש־השנה — העלפֿט איר די מאַמע.

— יאָ, יאָ, — זאָגט מאָטעלע — ראָש־השנה איז דאָס ייִדישע נײַע יאָר.

— דאָס איז אַ לשנה־טובֿה — זאָגט דער טאַטע. — ראָש־השנה שיקט מען לשנה־טובֿות. דאָ שרײַבט מען די וואונטשן צום נײַעם יאָר. ווער וויל לייענען ייִדיש, קינדער?

גיטעלע לייענט:

— לשנה־טובֿה — אַ גוט־יאָר! זאָל זײַן אַ יאָר פֿון פֿרייד, געזונט און שלום!

און מאַטעלע זאָגט:

— דאָס איז אַ שופֿר. ראָש־השנה בלאָזן ייִדן שופֿר.

— גיב מיר דעם שופֿר — זאָגט פֿייגעלע — איך וויל דעם שופֿר.

— און ווען איז דער יום־טובֿ ראָש־השנה? — פֿרעגט גיטעלע.

— באַלד — זאָגט די מאַמע — אָט־אָט און בײַ ייִדן הייבט זיך אָן אַ נײַ יאָר. זאָל עס זײַן אַ גליקלעך יאָר! זאָל עס זײַן אַ יאָר פֿון שלום!

נײַע ווערטער

supper	אָוונטברויט
envelopes	די קאָנווערטן
Montreal	מאָנטרעאָל
Philadelphia	פֿילאַדעלפֿיע
Rosh-Hashone (Jewish New Year)	ראָש־השנה
New Year's cards	לשנה־טובֿות
wishes (for a good year)	די וואונטשן
soon	באַלד
very soon	אָט־אָט
peace	שלום
ram's horn	דער שופֿר
(to) blow	בלאָזן
happy, joyful	גליקלעך

לשנה־טובֿה

מיר באַגריסן
הויך און קלאָר,
לשנה־טובֿה —
אַ גוט־יאָר!

מיר באַגריסן און מיר ווינטשן
אַלע קינדער, הויך און קלאָר:
— לשנה־טובֿה תּכּתבֿו!
אַ גוט־יאָר! אַ גוט־יאָר!

טאַטעס, מאַמעס —
דעם גאַנצן דור:
לשנה־טובֿה —
אַ גוט־יאָר!

טאַטעס, מאַמעס, שוועסטער, ברידער;
קרובֿים, פֿרײַנד, דעם גאַנצן דור:
לשנה־טובֿה כּל־ישׂראל —
אַ גוט־יאָר! אַ גוט־יאָר!

נײַע ווערטער

loud	הויך
happy New Year	לשנה טובֿה תּכּתבֿו
generation (everybody)	דער דור
relatives	די קרובֿים
all Jews	כּל־ישׂראל

לשנה־טובֿה

לשנה־טובֿה,
אַ גוט־יאָר !
לאָמיר האָבן
אַ גוט־יאָר :

ער און זי,
און איך און דו —
זאָל זײַן שלום,
זאָל זײַן רו.

יום־כּיפּור

הײַנט גיב איך יעדערן די האַנט,
און זאָג : דו ביסט מײַן פֿרײַנד !
הײַנט איז דער טאָג פֿון מוחל זײַן,
עס איז יום־כּיפּור הײַנט.

נײַע ווערטער

יעדערן	everyone
מוחל זײַן	to forgive

טראַכט און שרײַב

דער אָדער די

______ שול	______ שופֿר
______ אַרבעט	______ וואָך
______ לערער	______ האַנט
______ לערערין	______ ברודער
______ העפֿט	______ שוועסטער
______ טאַטע	______ יום־טובֿ
______ מאַמע	______ טאָג

שרײַב אַרײַן דאָס ריכטיקע וואָרט

דאָס יִידישע נײַע יאָר הייסט ______________

ראָש־השנה שיקט מען ______________

מען בלאָזט ______________

נאָך ראָש־השנה קומט ______________

יום־כּיפּור איז דער טאָג פֿון ______________

שופֿר, ראָש־השנה, מוחל זײַן, יום־כּיפּור, לשנה־טובֿות

בּשלום

אַמאָל איז געווען אַ בּרודער מיט אַ שוועסטער — בּערעלע און פֿריידעלע. זיי האָבּן אַלע מאָל געלעבּט בּשלום. איין מאָל זאָגט בּערעלע צו פֿריידעלען:

— פֿריידעלע! עס זײַנען דאָ קינדער וואָס לעבּן ניט בּשלום. לאָמיר זיך אַ ביסעלע צעקריגן.

זאָגט פֿריידעלע: — איך ווייס ניט ווי מע טוט דאָס.

זאָגט בערעלע: — איך ווייס! איך וועל נעמען דאָס בוך וואָס דער טאַטע האָט אונדז ביידן געגעבן און איך וועל זאָגן: „דאָס איז מײַן בוך!“ זאָלסטו זאָגן: „דאָס איז ניט דײַן בוך, עס איז מײַן בוך“. אַזוי וועלן מיר זיך צעקריגן.

זאָגט פֿריידעלע: — גוט!

נעמט בערעלע דאָס בוך און שרײַט אויס: — זאָלסט וויסן אַז דאָס איז מײַן בוך!

טראַכט פֿריידעלע און טראַכט און זאָגט: — אויב עס איז דײַן בוך — נעם עס.

דער ברודער און די שוועסטער האָבן ווײַטער געלעבט בשלום.

שרײַב דאָס פֿאַרקערטע:

1. דער ברודער — ______________________________
2. בשלום — ______________________________
3. אַ ביסעלע — ______________________________
4. נעמען — ______________________________
5. מײַן — ______________________________
6. גוט — ______________________________

נײַע ווערטער

בשלום	**in peace**
זיך צעקריגן	**to fight — argue**
איך וועל	**I will**
אונדז ביידן	**both of us**
זאָלסטו	**you should**
מיר וועלן	**we will**
זאָלסט וויסן	**you should know**

סוכּות

װען דער סכך איז שוין געלעגן אויף דער סוכּה, האָבן מיר אויסגעפּוצט די סוכּה אינעווייניק: אויסגעשאָטן זאַמד אויף דער ערד, באַהאָנגען די ווענט מיט פּרוכטן און בלומען. דערנאָך האָבן מיר געבראַכט טישן, שטולן, טעלער.

דער טאַטע האָט געזאָגט:

— עס איז צײַט צו גיין דאַווענען.

נאָכן דאַווענען זײַנען מיר אַרײַן אין דער שיינער סוכּה:

— גוט־יום־טובֿ!

— גוט־יום־טובֿ!

די מאַמע האָט געבראַכט עסן: חלה, פֿיש, ווײַן. מיר האָבן זיך געזעצט צום טיש און געגעסן. דורכן סכך האָבן מיר געזען ווי עס שײַנען די שטערן אויפֿן הימל. אויך אונדזערע אויגן האָבן געשײַנט. איך האָב געזאָגט צום טאַטן:

— סוכּות איז אַ שיינער ייִדישער יום־טובֿ.

מײַן סוכּהלע

אַ סוכּה אַ קלײנע
פֿון ברעטעלעך שײנע
האָב איך מיר אַלײן געמאַכט,
געדעקט דעם דאַך
מיט אַ ביסעלע סכך,
און איך זיץ אין איר
סוכּות בײַ נאַכט.

נײַע װערטער

Tabernacle	סוכּה
fir branches (used to cover a suke)	דער סכך
lay	איז געלעגן
decorated	אויסגעפּוצט
inside	אינעװײניק
sprinkled, spread	אויסגעשאָטן
ground	די ערד
hung, decorated	באַהאָנגען
we brought	מיר האָבן געבראַכט
boards	די ברעטעלעך
I covered	איך האָב געדעקט

מאַך שיין די סוכּה

מאָל די בילדער מיט קאָלירן,
שיינע פּרוכטן קויף,
אויף די ווענט און אויף די טירן
הענג זיי אַלע אויף.

אויפֿן פֿענצטער קעגן טיר
בלומען שטעל אַוועק.

עס וועט סוכּות זײַן בײַ דיר
גאַנצע זיבן טעג.

שׂמחת־תּורה

שׂמחת־תּורה
אַ גרויסע פֿרייד,
אַ שיינע תּורה
מיט קלוגע רייד.

גוט איז דעם
וואָס לערנט תּורה,
זי איז דאָך
די בעסטע סחורה.

נײַע ווערטער

די תּורה	**Torah**
רייד	**talk**
סחורה	**merchandise**

שׂמחת־תּורה

קינדער, מיר האָבן שׂמחת־תּורה,
שׂמחת־תּורה אויף דער גאַנצער וועלט!
תּורה איז די בעסטע סחורה,
די בעסטע סחורה אויף דער גאַנצער וועלט!

אוי, אוי, אוי, אוי, אוי,
פֿריילעך, קינדער, אָט אַזוי,
פֿריילעך אָן אַן עק,
פֿריילעך אָן אַן עק.



הקפֿות אין שול

עס איז געקומען דער ליבֿער, פֿריילעכער שׂמחת-תּורה.

איך האָבֿ געטאַנצט און געשפּרונגען, געגאַנגען צו הקפֿות מיט דעם טאַטן, מיט דעם זיידן, מיט דעם פֿעטער, מיט פֿרײַנד. מען האָט מיר געגעבֿן אַ קלײן ספֿר-תּורהלע און אויסגערופֿן מײַן נאָמען, אַלע זאָלן

הערן. איך בין אַוועק מיט דעם ספֿר-תּורהלע צו דער מאַמען. די באָבע, די מומעס, אַלע פֿרויען קושן מיך, קושן מיך אַ סך. די מאַמע שײַנט. זי גיט מיר ניס און נאָך גוטע זאַכן. מען האָט געבראַכט אין שול אַרײַן ווײַן און לעקעך און צוקערקעס. אַלע האָבן געגעסן און געטאַנצט. אַלע אין שול: אַלטע ייִדן, בחורים און קלײנע ייִנגלעך. אַלע האָבן גע-טאַנצט און געזונגען.

גוט צו געדענקען:

א. דער וואָס לערנט תּורה האָט ליב מענטשן.

ב. דער וואָס לערנט תּורה איז אַן ערלעכער מענטש.

ג. תּורה איז די בעסטע סחורה.

נײַע ווערטער

הקפֿות	**circular procession with the Torah scrolls**
דאָס ספֿר־תּורהלע	**a small Torah scroll**
דער בחור	**the young man**
די בחורים	**the young men**

די זון און די לבֿנה

ווען גאָט האָט באַשאַפֿן די וועלט, האָט ער געמאַכט, אַז די זון זאָל שײַנען בײַ טאָג, און אַז די לבֿנה זאָל שײַנען בײַ נאַכט.

די זון און די לבֿנה זײַנען ביידע געוועז גלײַך גרויס און ביידע האָבן געהאַט דאָס זעלביקע ליכט.

די זון איז געווען צופֿרידן. אָבער די לבֿנה האָט געזאָגט צו גאָט:

— עס איז ניט גוט וואָס דו האָסט מיך באַשאַפֿן גלײַך מיט דער זון. מענטשן וועלן ניט וויסן ווער עס איז די זון און ווער עס איז די לבֿנה. איך וויל מענטשן זאָלן וויסן אַז איך בין די לבֿנה.

האָט גאָט געזאָגט:

— דו ביסט גערעכט. מע דאַרף וויסן ווער עס איז די זון און ווער עס איז די לבֿנה. דו וועסט ווערן קלענער און האָבן ווייניקער ליכט.



נײַע ווערטער

די לבֿנה	**moon**
דאָס ליכט	**light**
ווייניקער	**less**
קלענער	**smaller**
די מעשׂה	**story**
די מעשׂיות	**stories**
די לעגענדע(ס)	**legend(s)**

שרײַב אַרײַן דאָס ריכטיקע וואָרט

בערעלע און פֿריידעלע האָבן געלעבט ______________

זיי האָבן ניט געוואָלט ______________

דער זיידע האָט אויסגעפּוצט די ______________

אויף דער סוכּה איז געלעגן ______________

אויפֿן הימל שײַנען די ______________

דער יום־טובֿ פֿון דער תּורה הייסט ______________

מען טאַנצט מיט דער ______________

תּורה איז די בעסטע ______________

בײַ טאָג שײַנט די ______________

בײַ נאַכט שײַנט די ______________

**זון, לבֿנה, בשלום, זיך צעקריגן, שטערן, סכך, תּורה,
שׂמחת־תּורה, סחורה**

קין און הבֿל

קין און הבֿל זײַנען געווען אָדמס זין. קין האָט ליב געהאַט זיך צו קריגן, הבֿל האָט געוואָלט לעבן מיט זײַן ברודער בשלום. זאָגט אײן מאָל קין צו הבֿלען:

— איך וויל זיך אויך ניט קריגן. לאָמיר צעטיילן די וועלט און לאָמיר לעבן בשלום.

— גוט. — האָט געזאָגט הבֿל.

— איך װעל נעמען די ערד — האָט געזאָגט קין.

— גוט — האָט געזאָגט הבֿל — איך נעם די שאָף.

אײן מאָל זעט קין זײַן ברודערס שאָף. לויפֿט ער צו און שרײַט:

— די ערד איז מײַנע! פֿאַר וואָס זײַנען דײַנע שאָף אויף מײַן ערד?

האָט הבֿל געזאָגט:

— פֿאַר וואָס זײַנען דײַנע קליידער פֿון וואָל? די וואָל איז פֿון מײַנע שאָף!

אָבער קין האָט ווײַטער געשריִען:

— אַראָפּ פֿון מײַן ערד!

— גיב מיר אָפּ מײַן וואָל! — האָט געשריִען הבל.

האָבן זיי זיך געקריגט און געקריגט. און קין האָט געשלאָגן זײַן ברודער און ער האָט אים גע־טייט. גאָט האָט דערפֿאַר קינען באַשטראָפֿט.

נײַע ווערטער

דער זון	son
די זין	sons
צעטיילן	divide
די וואָל	wool
געטייט	killed
באַשטראָפֿט	punished

ענדיק די זאַצן:

קין האָט ליב געהאַט ______________________

הבל האָט געוואָלט לעבן ______________________

קין און הבל זײַנען געווען אָדמס ______________________

קין האָט גענומען ______________________

הבל האָט גענומען ______________________

קין האָט געטייט זײַן ______________________

די ערד	ברודער הבל	זיך צו קריגן
די שאָף	זין	בשלום

וואו זשע בין איך?

דער קליינער שימעלע פֿאַרגעסט וואו ער ליגט אַוועק זײַנע זאַכן. ווען שימעלע שטייט אויף פֿון שלאָף, דאַרף ער זוכן זײַנע קליידער. ער געדענקט ניט וואו זיי ליגן.

אַז ער טוט שוין אָן די קליידער און די שיך, דאַרף ער זוכן די ביכער און די העפֿטן. ער זוכט און זוכט און קען ניט געפֿינען.

— אוי, וויי! — שרײַט שימעלע. — וואו זײַנען מײַנע ביכער און העפֿטן?

קומט שימעלע שפּעט אין שול און די קינדער לאַכן.

— וואָס טו איך, אַז איך זאָל ניט קומען שפּעט אין שול? — טראַכט שימעלע.

טוט ער איין מאָל אַזוי: בײַ נאַכט ווען ער לייגט זיך שלאָפֿן, נעמט ער אַ פּאַפּירל און שרײַבט אויף דעם:

מײַנע קלײדער זײַנען אויפֿן שטול.
די שיך זײַנען אונטערן שטול.
מײַן העפֿט איז אין בוך.
דאָס בוך איז אין טעקע – אונטערן
טיש. דער טיש איז אין מײַן צימער
– און איך אַלײן בין אין בעט.

שימעלע לייגט אַוועק דאָס פּאַפּיר אונטערן קישן. ווען ער שטייט אויף אין דער פֿרי, שפּרינגט ער אַראָפּ פֿון בעט, נעמט דאָס פּאַפּירל און לייענט מיט פֿרייד:

„מײַנע קליידער זײַנען אויפֿן שטול״ — זיי זײַנען דאָ!

„די שיך זײַנען אונטערן שטול״ — זיי זײַנען אויך דאָ!

„מײַן העפֿט איז אין בוך״ — גוט!

„דאָס בוך איז אין טעקע״ — גוט!

„די טעקע איז אונטערן טיש״ — יאָ, די טעקע איז אונטערן טיש!.

„דער טיש איז אין מײַן צימער״ — אָט איז ער.

„און איך אַליין בין... אין בעט ?"

שימעלע קוקט און קוקט אין בעט — ער איז ניטאָ. ער נעמט אַראָפּ די קאָלדרע, דאָס קישן — ער איז אַלץ ניטאָ.

— מאַמע, מאַמע ! — שרײַט שימעלע — וואו זשע בין איך אַליין ?

אויפשטיין — זיך לייגן שלאָפן

געדענקען — פאַרגעסן

פ ר אַ ג ע ס :

1. פֿאַר וואָס קומט שימעלע שפּעט אין שול ?
2. וואָס האָט ער געטאָן ער זאָל ניט קומען שפּעט ?
3. האָט שימעלע געפֿונען זײַנע זאַכן ?
4. וואו האָט שימעלע געזוכט זיך אַליין ? .

נײַע װערטער

לייגט אַוועק	puts away
זוכן	look for
אונטערן	under the
די טעקע	briefcase
דאָס קישן	pillow
די קאָלדרע	blanket

איינצאָל: בוך

מײַן בוך   זײַן בוך

דײַן בוך   איר בוך

מערצאָל: ביכער

מײַנע ביכער   זײַנע ביכער

דײַנע ביכער   אירע ביכער

מײַן ______________   דײַן ______________

מײַנע ______________   דײַנע ______________

זײַן ______________   איר ______________

זײַנע ______________   אירע ______________

שרײַב אַרײַן אין מערצאָל:

מײַן העפֿט — ______________________________

מײַן האַנט — ______________________________

דײַן העפֿט — ______________________________

דײַן האַנט — ______________________________

זײַן העפֿט — ______________________________

זײַן האַנט — ______________________________

איר העפֿט — ______________________________

איר האַנט — ______________________________

דער דאַנקטאָג

דער טאָג פֿון זאָגן אַ דאַנק — „טענקס־גיווינג" — איז אַ שיינער יום־טובֿ אין אַמעריקע. עס איז אַ משפּחה־יום־טובֿ. די גאַנצע משפּחה קומט זיך צונויף און מען מאַכט אַ גרויסע סעודה. דער טיש איז פֿול מיט גוטע זאַכן. מען עסט אינדיק, קאַרטאָפֿל, פֿרוכטן און נאָך מאכלים וואָס עס האָבן געגעסן די ערשטע פּילגרימען אין אַמעריקע.

מען דאַנקט וואָס מען איז אין אַזאַ פֿרײַ לאַנד ווי אַמעריקע;

מען דאַנקט וואָס די משפּחה איז צוזאַמען;

מען דאַנקט פֿאַר גוטן געזונט, פֿאַר אַרבעט, פֿאַר נחת פֿון קינדער, פֿון אייניקלעך.

„טענקסגיווינג" איז אַ שיינער אַמעריקאַנער יום־טובֿ!

נײַע ווערטער

קומט זיך צונויף	**gathers**
די סעודה	**festive meal**
דער אינדיק	**turkey**
די מאכלים	**dishes, delicacies**
די פּילגרימען	**the Pilgrims**
נחת	**pleasure and pride**
די אייניקלעך	**grandchildren**

אַמעריקע, מײַן וואונדערלאַנד

אַמעריקע, מײַן וואונדערלאַנד,
מײַן אייביק יונג און ליכטיק לאַנד.
ווי שיין דו ביסט, ווי גרויס דו ביסט,
ווי מעכטיק און ווי רײַך.

לאַנד פֿון פֿרײַהייט און פֿון פֿרייד,
פֿאַר אַלעמען אָן אונטערשייד.
מיט אמת און גערעכטיקייט —
פֿאַר אַלע מענטשן גלײַך.

דו לאַנד פֿון בראַוו, געטרײַע,
פֿון העלדן, קעמפֿערס פֿרײַע.
געבענטשט זאָלסטו אויף אייביק זײַן,
אַמעריקע דו מײַן.

לאַנד פֿון פֿרײַהייט און פֿון פֿרייד,
פֿאַר אַלעמען אָן אונטערשייד.
מיט אמת און גערעכטיקייט —
פֿאַר אַלע מענטשן גלײַך.

אַמעריקע

די טײַכן דאָ — שפּיגלען,
זיי זינגען פֿון פֿרייד.
און פֿייגל — די פֿליגלען
אין הימלען צעשפּרייט.

און פֿעלקער פֿאַרשיידן,
וואָס לעבן באַנאַנד,
זיי בויען אין פֿרידן
דאָס ליכטיקע לאַנד.

נײַע ווערטער

די טײַכן	**rivers**
די שפּיגלען	**mirrors**
די פֿליגלען	**wings**
די פֿעלקער	**nations, peoples**
באַנאַנד	**together**
די הימלען	**skies**

עס איז ניט זײַנס

שמעון איז געווען אַ גרויסער געלערנטער און אויך אַ גרויסער אָרעמאַן. איין מאָל האָט ער געקויפֿט אַן אייזל. ווען זײַנע תּלמידים האָבן באַטראַכט דעם אייזל האָבן זיי געפֿונען צווישן זײַנע האָר אַ גרויסן דימענט. זײַנען זיי אַרײַנגעלאָפֿן צו זייער רבין מיט גרויס שׂמחה:

— רבי — האָבן זיי אויסגעשריִען, — פֿון הײַנט אָן וועסטו שוין מער קיין אָרעמאַן ניט זײַן. און זיי האָבן אים געוויזן דעם דימענט, וואָס זיי האָבן געפֿונען.

דער רבי האָט רויִק באַטראַכט דעם דימענט און געזאָגט:

— ניין, טײַערע תּלמידים, דער דימענט איז ניט מײַנער: געקויפֿט האָב איך אַן אייזל, אָבער ניט קיין דימענט. גייט גיך און גיט אָפּ דעם מאַן דאָס וואָס איז זײַנס...

נײַע ווערטער

דער געלערנטער	scholar	פֿון הײַנט אָן	as of today
דער אָרעמאַן	poor man	דער רבי	teacher
דער אייזל	mule	גיט אָפּ	give back
די תּלמידים	students	זײַנס	his
האָבן באַטראַכט	examined		

דער פֿעטער מלך קומט פֿון אַ רייַזע

א גאַנצן זומער האָבן די קינדער ניט געזען דעם פֿעטער מלך. ער איז געווען אויף אַ רייַזע איבער דער וועלט. ער האָט געשריבן בריוו פֿון אומעטום: פֿון פּאַריז, פֿון לאָנדאָן, פֿון ישׂראל. די קינדער האָבן געלייענט די בריוו און געבענקט נאָכן פֿעטער מלך.

סוף זומער איז דער פֿעטער מלך געקומען. ער איז אַרייַן אין הויז און פֿריילעך געזאָגט:

קינדער, קינדער,
קומט געשווינדער,
נעמט אויף ווי עס פּאַסט
אַ גוטן גאַסט.

מאַטעלע האָט אַ פֿריילעכער אים געגעבן די האַנט;

גיטעלע האָט אים געקושט און געגלעט;

פֿייגעלע איז אַרויף אויף זייַנע הענט און זיך מיט אים געשפּילט.

דער פֿעטער מלך האָט זיי געגעבן מתּנות:

פֿייגעלען האָט ער געגעבן אַ גרויסע ליאַלקע פֿון פּאַריז;

גיטעלען האָט ער געבראַכט אַ נײַ קלייד פֿון לאָנדאָן;

און מאָטעלען האָט ער געגעבן אַ קליין, שיין ביכל פֿון ישראל.

די קינדער האָבן געדאַנקט פֿאַר די מתנות.

נײַע ווערטער

די רײַזע	trip
אומעטום	everywhere
פּאַריז	Paris
לאָנדאָן	London
האָבן געבענקט	(they) were lonesome for, missed
נעמט אויף ווי עס פּאַסט	welcome properly
האָט געקושט — געגלעט	kissed and patted
מתנות	presents
די ליאַלקע	doll
האָבן געדאַנקט	thanked

פֿראַגעס:

1. וואו איז דער פֿעטער מלך געווען?
2. האָבן די קינדער געבענקט נאָכן פֿעטער?
3. וואָס האָט זיי פֿעטער מלך געגעבן?
4. וואָס האָבן די קינדער געזאָגט?

אַ גוטער גאַסט

אַ שיינעם דאַנק!

די מתנה — די מתנות

טראַכט און שרײַב:

שמעון איז געווען אַ גרויסער ____________________

זײַנע תּלמידים האָבן געפֿונען אַ ____________________

שמעון האָט געזאָגט: דער דימענט איז ניט__________

דער פּעטער מלך איז געקומען פֿון אַ ______________

די קינדער האָבן נאָך אים______________________

דער פּעטער מלך האָט געבראַכט שיינע ____________

געבענקט, מתּנות, מײַנער,

געלערנטער, רײַזע, דימענט

שרײַב די זאַצן אין **פֿריִער**. געפֿין זיי אין דער מעשׂה:

איצט:	פֿריִער:
1. שמעון איז אַ גרויסער געלערנטער.	____________
2. זיי לויפֿן אַרײַן צו זייער רבין.	____________
3. דער רבי זאָגט.	____________
4. די קינדער לייענען די בריוו.	____________
5. דער פּעטער גיט זיי מתּנות.	____________

די מעשׂה פֿון חנוכּה

מיט אַ סך, אַ סך יאָרן צוריק האָבן די גריכן פֿאַרנומען דאָס ייִדישע לאַנד ארץ־ישׂראל. אַ לאַנגע צײַט זײַנען זיי געווען גוט צו די ייִדן. נאָך דעם איז געקומען אַ שלעכטער קיניג, אַנטיוכוס. ער האָט געהייסן די ייִדן אַרבעטן שבת און יום־טובֿ, ער האָט ניט געלאָזט לערנען די תּורה, ער האָט אַרײַנגעשטעלט געצן אין בית־המקדש.

די ייִדן האָבן געוואָלט זײַן פֿרײַ. זיי האָבן געוואָלט לעבן ווי ייִדן. זיי האָבן געפֿירט מלחמה מיט די גריכן. זייער פֿירער איז געווען יהודה המכבי.

די ייִדן האָבן פֿאַרטריבן די גריכן. זיי האָבן אַרויסגעוואָרפֿן די געצן פֿון בית־המקדש. יהודה המכבי האָט געזאָגט: זאָל זײַן יום־טובֿ בײַ ייִדן! צינדט אָן ליכט אין די היימען!

אַ ביסעלע בוימל האָט מען געפֿונען אין בית־המקדש. מיט דעם ביסעלע בוימל האָט די מנורה געברענט אַכט טעג.

אַזוי איז בײַ ייִדן געוואָרן דער יום־טוב חנוכּה.

חנוכּה איז אַכט טעג.

חנוכּה איז דער יום־טוב פֿון פֿרײַהייט.

חנוכּה איז דער יום־טוב פֿון ליכט.

נײַע ווערטער

די גריכן	the Greeks
האָבן פֿאַרנומען	(they) occupied
אַנטיוכוס	Antiochus
די געצן	idols
האָבן געפֿירט מלחמה	(they) waged war
דער פֿירער	leader
יהודה המכּבי	Judah Maccabee
האָבן פֿאַרטריבן	(they) drove away
האָבן אַרויסגעוואָרפֿן	(they) threw out
די פֿרײַהייט	freedom
ליכט	light

שרײַב דאָס פֿאַרקערטע:

אַ שלעכטער — __________

אַרבעטן — ____________

מלחמה — ______________

אַ ביסעלע — ___________

טאָג — _______________

ליכטיק — _____________

זעסט, מײַן קינד



זעסט, מײַן קינד, אַכט גרויסע שטערן
גייען אויף אין זיסער פּראַכט.
און די שאָטנס בלייכער ווערן,
העלער ווערט די שוואַרצע נאַכט.

ריין און הייליק, ליב און טײַער
דאַרפֿן דיר אויף אייביק זײַן
זייער שטילער, מילדער פֿײַער,
זייער ליכט און זייער שײַן.

לאַטקעס

פֿון קאַרטאָפֿל און פֿון מעל,
פֿון אַן איי צעשלאָגן געל,
פֿון אַ לעפֿל ווײַסע שמאַלץ,
פֿון אַ קליינעם ביסל זאַלץ,
פֿון דעם פֿײַערס ברען און ברי,
פֿון דער גוטער מאַמעס מי —
ווערן חנוכּה בײַ נאַכט
גוטע לאַטקעלעך געמאַכט.

דאָס דריידל

אַ נון, אַ גימל,
אַ היי, אַ שין —
אַ לויף אַהער,
אַ לויף אַהין.

און זאָגן זאָג איך:
ניט פֿאַרגעס!
ס'איז דאָרט געווען
אַ גרויסער נס.

נײַע ווערטער

פּראַכט	**beauty**
די שאָטנס	**shadows**
בלייכער	**paler**
הייליק	**sacred**
אייביק	**forever**

טראַכט און שרײַב :

די גריכן האָבן פֿאַרנומען דאָס ייִדישע לאַנד ________

____

זייער קיניג אַנטיוכוס איז געווען שלעכט צו די _______

ער האָט זיי געהייסן אַרבעטן שבת און ____________

די ייִדן האָבן געוואָלט זײַן ___________________

די ייִדן האָבן געפֿירט מלחמה מיט די ______________

זיי האָבן באַפֿרײַט דעם ______________________

זיי האָבן אַרויסגעוואָרפֿן די ___________________

זיי האָבן געמאַכט אַ יום־טובֿ __________________

חנוכּה איז אַכט __________________________

מען צינדט אָן אַכט ________________________

חנוכּה עסט מען ___________________________

חנוכּה שפּילט מען אין _______________________

ליכטעלעך, לאַטקעס, דריידל, חנוכּה, ארץ־ישׂראל,
יום־טובֿ, ייִדן, פֿרײַ, גריכן, בית־המקדש, טעג, געצן

דער פֿעטער מלך קומט צום ערשטן חנוכּה־ליכטל

צום ערשטן חנוכּה־ליכטל עפֿנט זיך די טיר און עס קומט אַרײַן דער פֿעטער מלך.

— גוט־יום־טובֿ! גוט־יום־טובֿ, קינ־דער!

אַלע לויפֿן צו און ענטפֿערן פֿריילעך:

— גוט־יום־טובֿ! גוט־יום־טובֿ, פֿעטער מלך!

די מאַמע וואַרט ניט לאַנג. זי גייט אַרײַן אין קיך און נעמט מאַכן לאַטקעס.

מאַטעלע שטעלט אַוועק אויפֿן טיש די מנורה.

— אָ, אונדזער שיינע מנורה — זאָגט דער פֿע־טער מלך. — ווייסט איר עפּעס, קינדער, וועגן דער מנורה אין בית־המקדש?

— יאָ, פֿעטער — זאָגט מאַטעלע. — מיר האָבן וועגן דעם געלערנט אין שול.

ער נעמט זײַן העפֿט און לייענט:

די מנורה

די מנורה אין בית־המקדש איז געווען פֿון איין שטיק גאָלד, מיט גאָלדענע קנעפּלעך און בעכער־לעך. אין מיטן איז געווען איין הויכע רער און פֿון ביידע זײַטן צו דרײַ רערן.

— אמת — זאָגט דער פֿעטער מלך. — אמת.

דער טאַטע צינדט אָן דעם שמש. ער צינדט אָן דאָס ערשטע חנוכּה־ליכטל.

אין הויז ווערט וואַרעם. אין הויז ווערט ליכטיק.

עס איז יום־טובֿ.

נײַע ווערטער

דאָס קנעפּל	little knob
די קנעפּלעך	little knobs
דאָס בעכערל	little cup
די בעכערלעך	little cups
די רער	pipe, tube
די רערן	pipes, tubes

לייען נאָך אַ מאָל דאָס מעשׂהלע און ענדיק די זאַצן:

א. צום ערשטן חנוכּה־ליכטל קומט אַרײַן דער

________________________.

בּ. די מאַמע גייט אַרײַן אין קיך און נעמט מאַכן

________________________.

ג. די מנורה אין בית־המקדש איז געווען פֿון

________________________.

ד. דער טאַטע צינדט אָן________________________.

פֿעטער מלך גיט חנוכּה־געלט

דער פֿעטער מלך האָט ליב צו זען ווי אַלע זײַנען פֿריילעך און ער זאָגט:
— לאָמיר בעסער געבן די קינדער חנוכּה־געלט.

און ער גיט יעדן קינד חנוכּה־געלט.

וואַרט שוין ניט דער טאַטע און ער גיט אויך די קינדער חנוכּה־געלט. ער האָט אויך אַ שיינע מתּנה פֿאַר דער מאַמען.

נאָך דעם זאָגט מאַטעלע:

— מיר האָבן אויך חנוכּה־געלט פֿאַר אײַך. מיר האָבן זיך אויסגעלערנט אַ נײַ חנוכּה־ליד. דאָס איז אַ ליד וועגן אַ דריידל.

און די קינדער זינגען:

דריי זיך און דריי זיך
און דריי זיך שוין, דריידעלע,
פֿריי זיך, דו יינגעלע,
פֿריי זיך, דו מיידעלע,

טאַנץ אין אַ רינגעלע,
טאַנץ אין אַ רעדעלע,
עס איז שוין חנוכּה דאָ!

איינס, צוויי, דרײַ, איינס, צוויי, דרײַ
טאַנץ אין אַ רעדעלע,
איינס, צוויי, דרײַ, איינס, צוויי, דרײַ
ייִנגעלע, מיידעלע,
איינס, צוויי, דרײַ, איינס, צוויי, דרײַ
דריי זיך שוין, דריידעלע,
עס איז שוין חנוכה דאָ!
שוין דאָ!

דריי זיך, דריידעלע



דריידל און לאַטקעס

פייגעלע האַלט אַ דריידל אין האַנט און שרײַט:

— לאָמיר שפּילן דריידל! ווער גייט שפּילן דריידל?

— וואָס איז געשריבן אויפֿן דריידל, גיטעלע, ווייסטו? — פֿרעגט פּעטער מלך.

איצט לייענט גיטעלע פֿון איר ייִדישן העפֿט:

דאָס דריידל

— דאָס דריידל האָט פֿיר אותיות: נ. ג. ה. ש. דאָס הייסט: נס גדול היה שם — אַ גרויסער נס איז דאָרט געשען, דאָרט אין ארץ־ישׂראל. אַ קליין קרי־געלע בוימל האָט מען געפֿונען אין בית־המקדש, וואָס איז געווען גענוג צו ברענען איין נאַכט. איז געשען אַ נס און דער בוימל האָט געברענט אַכט טעג און אַכט נעכט.

מאַטעלע, גיטעלע און פֿייגעלע גייען צום טיש. זיי שפּילן דריידל.

— נון — זאָגט מאַטעלע.

— גימל, גימל! — שרײַט פֿייגעלע.

די מאַמע קומט אַרײַן מיט די לאַטקעס.

זי זאָגט:

— גוט־יום־טובֿ! גוט־יום־טובֿ! קומט עסן לאַט־קעס!

באַלד זיצן אַלע אַרום דעם טיש. אַלע עסן די גוטע הייסע לאַטקעס. אַלע ריידן און לאַכן.

אויפֿן פֿענצטער שײַנט די מנורה.

נײַע ווערטער

is written	איז געשריבן
do you know?	ווייסטו?
letters	די אותיות
miracle	דער נס
small jug	דאָס קריגעלע
oil	דער בוימל
happened	איז געשען
smart	קלוגע
days	די טעג

לאָמיר געדענקען:

אויף דעם דריידל = אויפֿן דריידל

אויף דעם פֿענצטער = אויפֿן פֿענצטער

אויף דעם טיש = ______ ________

אויף דעם פּוס = ______ ________

אויף דעם הימל = ______ ________

אויף דעם טאָוול = ______ ________

אויף דעם קאָפּ = ______ ________

לאָמיר

לאָמיר, לאָמיר, אַלע ייִדן,
זײַן מיט חנוכּה צופֿרידן.
אַזאַ יום־טובֿ, אַזאַ שיינער,
איז בײַ ייִדן דאָ נאָר איינער.
זעט נאָר, זעט, די ליכטלעך אַכט,
ווי זיי שײַנען אין דער נאַכט.

פֿאַר די וואונדער

פֿאַר די וואונדער פֿון אַמאָל,
פֿאַר די וואונדער אויך פֿון הײַנט —
צינד אַ ליכטל אָן, מײַן קינד,
צינד אַ ליכטל אָן, מײַן פֿרײַנד.

העלער שײַנען זאָל דאָס ליכט
אין דער פֿינצטער פֿון דער נאַכט,
און דערציילן נאָך אַ מאָל
ווי דאָס פֿאָלק האָט אויפֿגעוואַכט.

נײַע ווערטער

נאָר איינער	only one
העלער	more brightly
האָט אויפֿגעוואַכט	awoke

די נאַרישע מענטשן פֿון כעלעם

עס איז געווען אַ שטאָט פֿון נאַרישע מענטשן. די שטאָט האָט געהייסן כעלעם.

די כעלעמער ייִדן האָבן זייער ליב געהאַט דעם ווינטער. דער שניי דעקט צו די הײַזער און די גאַסן זיי ווערן ריין, ווײַס, און גאַנץ כעלעם איז זייער שיין.

די כעלעמער האָבן דעם גאַנצן האַרבסט געוואַרט אויפֿן ווינטער און אויפֿן ערשטן שניי. זיי האָבן געוואַרט און געוואַרט ביז דער שניי איז געקומען.

די כעלעמער זײַנען געווען זייער צופֿרידן. עס איז זיי געווען אַ שאָד צו גיין איבערן ווײַסן שניי מיט די פֿיס. האָבן די כעלעמער געטראַכט: וואָס

טוט מען אַז מען זאָל ניט דאַרפֿן גיין איבערן שנײ מיט די פֿיס ?

האָבן זײ געטראַכט און געטראַכט, ביז זײ האָבן געזאָגט :

— זאָל נאָר אײן מענטש גיין איבער די גאַסן און רופֿן : „קײנער זאָל ניט אַרױס פֿון שטוב".

האָט אײנער אַ כעלעמער געזאָגט :

— אָבער דער װאָס װעט גיין איבער די גאַסן װעט דאָך גיין איבערן שנײ !

װאָס טוט מען ? האָבן די כעלעמער װידער געטראַכט און געטראַכט און האָבן באַשלאָסן :

— דער װאָס װעט רופֿן מע זאָל ניט אַרױס פֿון שטוב — זאָל ניט גיין. פֿיר מענטשן זאָלן אים טראָגן !

נײַע װערטער

נאַרישע	foolish (pl.)
דעקט צו	covers
געװען אַ שאָד	was a pity
האָבן באַשלאָסן	decided

פֿראַגעס :

1. װי האָט געהייסן די שטאָט מיט נאַרישע מענטשן ?
2. װאָס האָבן די כעלעמער ליב געהאַט ?
3. װאָס איז זײ געװען אַ שאָד ?
4. װאָס האָט אײנער אַ כעלעמער געזאָגט ?
5. װאָס האָבן די כעלעמער באַשלאָסן ?

טראַכט און שרייַב:

די מאַמע

די מאַמע גייט
די מאַמע רעדט
די מאַמע רופֿט
די מאַמע שפּאַצירט

דער מאַמען

איך גיי מיט דער מאַמען
איך רעד צו ______ מאַמען
איך הער דאָס קול פֿון ____ מאַמען
דאָס קלייד איז שיין אויף ____ מאַמען

דער טאַטע

דער טאַטע גייט
דער טאַטע רעדט
דער טאַטע רופֿט
דער טאַטע שפּאַצירט

דעם טאַטן

איך גיי מיט______טאַטן
איך רעד צו ____ טאַטן
איך הער דאָס קול פֿון ____ טאַטן
דאָס העמד איז שיין אויף ____ טאַטן

די באָבע

די באָבע קומט
די באָבע זאָגט
די באָבע זיצט
די באָבע שפּאַצירט

דער באָבען

איך קום מיט _____ ______
איך זאָג צו _____ _______
איך זיץ לעבן _____ _____
איך שפּאַציר מיט _____ __

דער זיידע

דער זיידע קומט
דער זיידע זאָגט
דער זיידע זיצט
דער זיידע שפּאַצירט

דעם זיידן

איך קום מיט _____ ______
איך זאָג צו _____ _______
איך זיץ מיט ____ _______
איך שפּאַציר מיט _____ ___

אַבֿרהם רייזען און דער אָרעמער ייִנגל

אַבֿרהם רייזען איז געווען אַ גרויסער ייִדישער שרײַבער. ער האָט געשריבן שיינע פּאָעמעס און שיינע דערציילונגען.

אַבֿרהם רייזען האָט זייער ליב געהאַט קומען אין ייִדישע שולן. אַבֿרהם רייזען האָט ליב געהאַט זען ווי די קינדער האָבן אַ שׂמחה.

איין מאָל איז אַבֿרהם רייזען געווען אין אַ ייִדישער שול. עס איז געווען אַ קאַלטער אָוונט. די שׂמחה האָט זיך שפּעט געענדיקט.

נאָך דער שׂמחה האָט דער לערער פֿון שול געפֿירט דעם גאַסט צו דער באַן. מע האָט לאַנג געדאַרפֿט וואַרטן אויף דער באַן. האָט אַבֿרהם רייזען דערזען אַ ייִנגל וואָס פֿאַרקויפֿט צײַטונגען. דאָס ייִנגל ציטערט פֿון קעלט. האָט ער רחמנות געהאַט אויפֿן ייִנגל און האָט צוגערופֿן דאָס ייִנגל צו זיך. דאָס ייִנגל האָט אים געגעבן אַ צײַטונג.

— ניין, ניט איין צײַטונג — האָט דער גרויסער שרײַבער געזאָגט. — גיב מיר אַלע דײַנע צײַטונגען.

— אַלע? — האָט דאָס ייִנגל זיך געוווּנדערט.

— צייל זיי איבער און גיב מיר.

דאָס ייִנגל האָט איבערגעציילט דרײַסיק צײַטונ-
גען. אַבֿרהם רייזען האָט אים באַצאָלט פֿאַר אַלע
צײַטונגען.

מיט די דרײַסיק צײַטונגען אין די הענט און
מיט אַ שמייכל אויפֿן פּנים האָט אַבֿרהם רייזען
ווײַטער געוואַרט אויף דער באַן.

די צײַטונג	די דערציילונג	די שׂמחה
	רחמנות	

נײַע ווערטער

די פּאָעמע	poem
די פּאָעמעס	poems
די דערציילונג	story
די דערציילונגען	stories
האָט זיך געענדיקט	ended
האָט געפֿירט	led (to)
די באַן	train
די צײַטונג	newspaper
די צײַטונגען	newspapers
ציטערט	shivers
האָט איבערגעציילט	counted
דרײַסיק	thirty

פֿראַגעס:

1. ווער איז געווען אַבֿרהם רייזען?
2. וואָס האָט אַבֿרהם רייזען ליב געהאַט?
3. ווער האָט געפֿירט דעם גאַסט צו דער באַן?
4. וואָס זאָגט דער שרײַבער צו דעם ייִנגל?
5. פֿאַר וואָס האָט דער שרײַבער געקויפֿט אַזוי פֿיל
צײַטונגען?

וואָס טוט דער טאַטע?

אַ ייִנגעלע איז געקומען צום ערשטן מאָל אין שול, און דער לערער האָט אים געפֿרעגט:

— ווי הייסטו, ייִנגעלע?

— בערעלע.

— ווי אַלט ביסטו?

— זיבן יאָר.

— וואָס טוט דײַן טאַטע?

— מײַן טאַטע איז קראַנק.

— ניין, ניט דאָס מיין איך. איך פֿרעג: וואָס טוט דײַן טאַטע?

— ער הוסט.

— ניין, ניט דאָס מיין איך. איך וויל וויסן וואָס טוט דײַן טאַטע, ווען ער איז געזונט.

— ווען ער איז געזונט, הוסט ער ניט.

— נאַרעלע, דו פֿאַרשטייסט ניט וואָס מע רעדט צו דיר. זאָג מיר: וואָס טוט דײַן טאַטע, ווען ער איז ניט קראַנק, און ער הוסט ניט?

— ווען דער טאַטע איז ניט קראַנק און ער הוסט ניט, — טוט ער זיך אָן און גייט צו דער אַרבעט...

פֿרישטיק

איין מאָל אין דער פֿרי גיט די מאַמע יאַנקעלען ברויט מיט פּוטער. זאָגט יאַנקעלע: — איך וויל ניט קיין ברויט מיט פּוטער, איך וויל פֿרישטיק!

גיט אים די מאַמע אַן איי. זאָגט יאַנקעלע: — איך וויל ניט קיין איי, גיב מיר פֿרישטיק.

גיט אים די מאַמע מילך. זאָגט יאַנקעלע: — איך וויל ניט קיין מילך.

גיט אים די מאַמע זיס געבעקס, חלה, אַן עפּל. נאָר יאַנקעלע שרײַט אַלץ:

— איך וויל דאָס ניט! דאָס וויל איך ניט!

— וואָס ווילסטו? — פֿרעגט די מאַמע. — דאָס טעלערל פֿון הימל?

— ניין — ענטפֿערט יאַנקעלע. — איך וויל פֿרישטיק!

נײַע ווערטער

he is coughing	ער הוסט
breakfast	פֿרישטיק
egg	דאָס איי
pastry	דאָס געבעקס
the impossible (lit. — the plate of heaven)	דאָס טעלערל פֿון הימל

אַ שניי־מענטש

איין מאָל קומט דער פֿעטער מלך און פֿרעגט:

— ווער וויל מאַכן אַ שניי־מענטש?

שרײַט מאָטעלע:

— איך וויל!

שרײַט גיטעלע:

— איך וויל!

שרײַט פֿייגעלע:

— איך וויל אויך! איך וויל אויך מאַכן אַ שניי־מענטש!

לאַכט דער פֿעטער מלך:

— גוט, קינדער, טוט זיך אָן וואַרעם און קומט.

די קינדער טוען זיך אָן וואַרעם און זיי גייען.
זיי גייען מיטן פֿעטער מלך מאַכן אַ שניי־מענטש.

דער פֿעטער מלך זאָגט:

— דו, מאָטעלע, מאַך דעם קאָפּ.

— דו, גיטעלע, מאַך די הענט.

— דו, פֿייגעלע, מאַך די פֿיס.

— און איך מאַך דעם בויך.

די קינדער נעמען שניי. זיי לאַכן און זיי אַר־בעטן. זיי אַרבעטן און זיי לאַכן.

דער ערשטער שרײַט אויס מאָטעלע:

— זע, איך האָב דעם קאָפּ!

נאָך דעם שרײַט אויס גיטעלע:

— און איך האָב די הענט!

נאָר פּייגעלע שרײַט ניט. פּייגעלע וויינט:

— איך האָב נאָר איין פוס.

זאָגט דער פעטער מלך:

— וויין ניט, פּייגעלע, עס וועט גוט זײַן איין פוס אויך.

דער פעטער מלך שטעלט אַוועק דעם פוס. ער לייגט אַרויף אַ סך שניי. אויפן פוס שטעלט ער דעם בויך. גיטעלע שטעלט צו די הענט, מאָטעלע שטעלט צו דעם קאָפּ און דער פעטער מלך פרעגט:

— וואָס נאָך פעלט?

שרײַען די קינדער:

— אויגן!

— אַ נאָז!

— אַ מויל!

און דער פּעטער מלך מאַכט אויגן. ער מאַכט אַ נאָז און ער מאַכט אַ מויל.

פֿייגעלע זאָגט:

— איי, פּעטער מלך, ווען דו קומסט איז שטענדיק פֿריילעך.

זאָגט גיטעלע:

— פֿון הײַנט אָן וועסטו הייסן מלך־פֿריילעך.

און מאָטעלע גיט צו:

— אַ גוטער נאָמען, מלך־פֿריילעך.

נײַע ווערטער

דער שניי־מענטש	snowman
די מאַנטלען	coats
די היטעלעך	hats
וואָס נאָך פֿעלט ?	what else is missing?

שרײַב אַרײַן דאָס ריכטיקע וואָרט:

מײַן טאַטנס טאַטע איז מײַן ______________________

מײַן טאַטנס מאַמע איז מײַן ______________________

מײַן טאַטנס ברודער איז מײַן ______________________

מײַן טאַטנס שוועסטער איז מײַן ______________________

מײַן מאַמעס טאַטע איז מײַן ______________________

מײַן מאַמעס מאַמע איז מײַן ______________________

מײַן מאַמעס ברודער איז מײַן ______________________

מײַן מאַמעס שוועסטער איז מײַן ______________________

פֿעטער — זיידע — באָבע — מומע

רעטעניש

אין דער היים זאָגט מאָטעלע:

— פֿעטער מלך, פֿרעג אונדז רעטעניש. איך האָב ליב צו הערן דײַנע רעטענישן.

זאָגט דער פֿעטער מלך:

— גוט, קינדער, הערט און ענטפֿערט:

ווער בין איך?
איך האָב פֿיס, נאָר איך קען ניט גיין.

— דאָס איז אַ טיש — שרײַט אויס מאָטעלע — אַ טיש האָט פֿיס און ער קען ניט גיין.

זאָגט דער פֿעטער מלך:

— אמת, אַ טיש האָט פֿיס און ער קען ניט גיין. און ווער בין איך איצט?

איך האָב ניט קיין פֿיס
און איך גיי,
איך האָב ניט קיין מויל
און איך צייל...

— דאָס איז אַ זייגער! — זאָגט גיטעלע — אַ זייגער האָט ניט קיין פֿיס און ער קען גיין. ער האָט ניט קיין מויל און ער קען ציילן.

— אמת — שמייכלט דער פּעטער מלך — און ווער בין איך איצט?

איך גיי און איך גיי
און איך שטיי אויף אַן אָרט.

— דאָס איז אויך אַ זייגער! — שרײַט גיטעלע — אַ זייגער גייט און ער שטייט אויף אַן אָרט.

נײַע ווערטער

דאָס רעטעניש	riddle
די רעטענישן	riddles
פֿרעג אונדז	ask us
דער זייגער	clock
דאָס מויל	mouth

טראַכט און שרײַב:

איך רייד מיט מײַן ______ איך גיי מיט די ______
איך הער מיט די ______ איך קוק מיט די ______
איך שמעק מיט דער ______ איך אַרבעט מיט די ______

אויגן, הענט, פֿיס, אויערן, מויל, נאָז

ווער ווייס וואָס עס טוט:

דער זייגער ______
דער לאָמפּ ______
די זון ______
דאָס פֿייגעלע ______
דער פֿיש ______

שווימט, שײַנט, גייט, ברענט, פֿליט

הלל אויפֿן דאַך

עס איז געווען אַ שווערער ווינטער. עס איז געווען זייער קאַלט. גרויסע שנייען זײַנען געפֿאַלן. פֿאַר הללן איז דאָס געווען זייער שלעכט. ער האָט ניט געקענט גיין אין וואַלד האַקן האָלץ. האָט ער ניט געהאַט קיין געלט צו קויפֿן ברויט. האָט ער ניט געהאַט קיין געלט צו באַצאָלן אין חדר.

הלל גייט יעדן טאָג אין חדר אַרײַן. ער וויל זיך לערנען. ער האָט גוטע לערערס. אָבער דער מענטש בײַ דער טיר זאָגט אים:

— הלל, דו האָסט ניט באַצאָלט פֿאַר דרײַ חדשים. דו קענסט ניט קומען לערנען.

וואָס טוט מען?

אויפֿן דאַך איז דאָ אַ פֿענצטערל. הלל קריכט אַרויף אויפֿן דאַך, לייגט זיך אַוועק און הערט. יאָ, ער קען הערן וואָס דער רבי רעדט. ליגט ער און הערט. דער שניי פֿאַלט אויף אים, עס איז קאַלט. הלל איז אָבער גליקלעך: ער הערט ווי דער לערער לערנט. אויפֿן צווייטן טאָג ווען די לערערס און קינדער קומען ווידער אין שול זעען זיי אין קלאַס איז פֿינצטער, אויפֿן פֿענצטער ליגט אַ באַרג מיט שניי.

מען איז אַרויף אויפֿן דאַך צונעמען דעם שניי. הלל איז געלעגן האַלב-פֿאַרפֿרוירן.

ווען הלל איז געזונט געוואָרן האָבן די לערערס צו אים געזאָגט:

— הלל, קענסט קומען לערנען אָן געלט. פֿון דיר וועט זײַן אַ גרויסער ייִדישער געלערנטער.

און הלל איז טאַקע געוואָרן אַ גרויסער גע־לערנטער.

נײַע ווערטער

אַ שווערער	difficult, heavy
די שנייען	snowfall
האַקן האָלץ	chop wood
דער חדר	religious school
יעדן טאָג	every day
דער חודש	month
די חדשים	months
דאָס פֿענצטערל	little window
קריכט אַרויף	climbs up
דער דאַך	roof
פֿינצטער	dark
דער באַרג	mountain
פֿאַרפֿרוירן	frozen

שרײַב דאָס פֿאַרקערטע

וואַרעם — ____________ ליכטיק — ____________

גוט — ____________ קראַנק — ____________

ניט-גליקלעך — ____________ ווינטער — ____________

אַ גאַסט פֿון אַ ווײַט לאַנד

פֿערעלע איז הײַנט געקומען אין שול מיט אַ גאַסט. זי איז געקומען מיט נאָך אַ מיידעלע. דאָס מיידעלע איז הויך ווי פֿערעלע, זי האָט שוואַרצע האָר ווי פֿערעלע, און זי זעט אויס ווי פֿערעלע.

פֿרעגט דער לערער :

— איז דאָס דײַן שוועסטער, פֿערעלע ?

שמייכלט פֿערעלע :

— ניין, זי איז ניט מײַן שוועסטער. זי איז מײַן קוזינע, זי קומט פֿון זייער, זייער ווײַט.

פֿרעגן די קינדער :

— פֿון וואַנען, פֿון וואַנען קומט דײַן קוזינע ?

זאָגט פֿערעלע :

— מײַן קוזינע וועט אײַך אַליין דערציילן, זי קען גוט רעדן ייִדיש.

זאָגט דער לערער :

— קינדער, זעצט זיך אַלע אַוועק — און ער פֿרעגט :

— פֿון וואַנען קומסטו, מיידעלע ?

ענטפֿערט דאָס מיידעלע :

— איך קום פֿון אַ ווײַט לאַנד, איך קום פֿון אַר־גענטינע.

— ווי הייסטו ? — פֿרעגט דער לערער.

ענטפֿערט דאָס מיידעלע :

— איך הייס דינה.

שרײַבט אוים גיטעלע :

— און זי איז פּערעלעס קוזינע !

זי מאַכט אַזאַ ליד :

פֿון דעם לאַנד אַרגענטינע
קומט אַ מיידעלע — דינה,
איז זי פּערעלעס קוזינע.

אַלע קינדער לאַכן. דינה לאַכט אויך. זי זאָגט :

— איך קען אויך מאַכן ייִדישע גראַמען. איך קען זינגען אַ סך ייִדישע לידער.

פֿרעגט דער לערער :

— זאָג מיר, דינה, פֿון וואַנען קענסטו אַזוי גוט רעדן ייִדיש ?

ענטפֿערט דינה : — איך לערן אין אַ ייִדישער שול. בײַ אונדז זײַנען אויך דאָ ייִדישע שולן.

— איך האָב גאָר ניט געוואוסט, אַז אין אַרגענ־טינע זײַנען דאָ ייִדן — זאָגט לייבעלע.

דער לערער דערציילט :

— ייִדן זײַנען דאָ אין אַ סך לענדער. אויף דער גאַנצער װעלט זײַנען דאָ ייִדן. אויף דער גאַנצער װעלט זײַנען דאָ ייִדישע קינדער, װאָס לערנען אין ייִדישע שולן.

און צו דינהן זאָגט דער לערער:

— איך בין צופֿרידן װאָס דו ביסט געקומען צו גאַסט, דינה. דו קענסט קומען צו אונדז אין שול יעדן טאָג.

— אַ דאַנק, לערער — זאָגט דינה.

פּערעלע שמייכלט צופֿרידן, זי זאָגט אויך:

— אַ דאַנק, לערער, אַ שיינעם דאַנק.

נײַע װערטער

הױך	tall
די האָר	hair
די קוזינע	cousin (f.)
פֿון װאַנען קומסטו	where do you come from
אַרגענטינע	Argentina

פֿראַגעס:

1. מיט װעמען איז פּערעלע געקומען אין שול?
2. איז דאָס מיידעלע פּערעלעס שװעסטער?
3. פֿון װאַנען קומט דער גאַסט?
4. װאָס דערציילט דער לערער?

ייִדן אויף דער וועלט

ייִדן לעבן אויף דער גאַנצער וועלט. ייִדן לעבן אין די אַמעריקעס, אין אייראָפּע, אין אַזיע, אַפֿריקע און אויסטראַליע. די גרעסטע צאָל ייִדן לעבט אין צפֿון-אַמעריקע — 6 מיליאָן; אין רוס-לאַנד לעבן 3 מיליאָן ייִדן; אין מדינת ישׂראל — 3 מיליאָן. מער ווי אַ האַלבער מיליאָן ייִדן לעבן אין פֿראַנקרײַך און אין אַרגענטינע. אומעטום, אין אַלע לענדער אויף דער וועלט, לעבן ייִדן.

אין די ווײַטסטע לענדער

אין די ווײַטסטע לענדער
זײַנען מיר צעשפּרייט.
יעדער לאַנד אַ רינגל
אין דער לאַנגער קייט.

איז אונדז זייער טײַער
גאָר די גאַנצע וועלט,
עס שטייט בײַ ווײַטסטע ברעגן
אונדזערס אַ געצעלט.

יעדע פּאַן וואָס פּלאַטערט
גריסט אונדז גאָר באַקאַנט;
יעדע שיף, זי פֿירט אונדז
צו אַ ברודערס לאַנד.

נײַע ווערטער

farthest	ווײַטסטע
dispersed	צעשפּרייט
long chain	לאַנגער קייט
the whole wide world	גאָר די גאַנצע וועלט
shores	ברעגן
tent	געצעלט
waves	פּלאַטערט
welcomes us	גריסט אונדז

דערציייל וועגן זיך:

1. איך הייס ________________________
2. איך בין ________________ יאָר אַלט
3. איך האָב אַ ___________ (שוועסטער, ברודער)
4. מיין מאַמע הייסט ________________
5. מיין טאַטע הייסט ________________
6. מיין זיידע קומט פֿון ______________
7. מיין באָבע קומט פֿון ______________
8. איך האָב משפּחה אין ______________

טראַכט און שרייב:

איך ‏ ‏ ‏ ‏ ‏ ‏ דו

איך קען רעדן יידיש ______________________

איך זינג יידישע לידער ______________________

איך מאַך שיינע גראַמען ______________________

איך בין צופֿרידן ______________________

יידן וואוינען אין:

אַרגענטינע ‏ ‏ אַמעריקע ‏ ‏ קאַנאַדע

אויסטראַליע ‏ ‏ מעקסיקע ‏ ‏ ישׂראל ‏ ‏ רוסלאַנד

פּוילן ‏ ‏ ליטע ‏ ‏ פֿראַנקרייך ‏ ‏ ענגלאַנד

און נאָך אין פֿיל אַנדערע לענדער

די יִדישע שולן אין אַרגענטינע

די יִדישע שולן אין אַרגענטינע געפֿינען זיך אין אייגענע גרויסע הײַזער. די קינדער פֿאַרבֿרענגען דאָרט פֿיר שעה יעדן טאָג. צוזאַמען — צוואַנציק שעה אַ וואָך. אין דער מיטלשול לערנען זיך די קינדער פֿינף שעה אַ טאָג. די קינדער קומען אָן אין דער יִדישער שול, ווען זיי זײַנען דרײַ יאָר אַלט. קענט איר שוין איצט פֿאַרשטיין וויפֿל מען קען זיך אויס־לערנען אין אַזאַ שול. איך האָבֿ גערעדט מיט די קינדער און זיי האָבֿן געקענט אַ סך. זיי האָבֿן גע־קענט יִדישע ליטעראַטור, יִדישע געשיכטע. זיי האָבֿן גערעדט פֿרײַ יִדיש און העבֿרעאיש. זיי האָבֿן אויך געוואוסט אַ סך וועגן יִדישן לעבֿן אין די פֿאַר־אייניקטע שטאַטן, אין קאַנאַדע, אין מעקסיקע און זיי האָבֿן געפֿרעגט פֿראַגעס, ווײַל זיי האָבֿן געוואָלט וויסן מער.

אַלע קינדער און די לערערס זײַנען אָנגעטאָן אין ווײַסע קליידער. ווען דער לערער פֿרעגט אַ פֿראַגע, הייבן די קינדער אויף די הענט און זיי שאָקלען מיט זיי אַזוי שטאַרק, אַז איך האָבֿ מיך געוואונדערט צי עס טוט זיי ניט וויי.

ווען די קינדער דאַרפֿן אַהיימגיין, שטעלן זיי זיך אויס אין הויף פֿון דער שול אין רייען, און דער

געזאַנג-לערער זינגט מיט זיי ייִדישע און העברע-אישע לידער. יעדער קלאַס מאַרשירט אַרויס מיט געזאַנג צום באַס, וואָס וואַרט אויף זיי. צענדליקער לידער זינגען די קינדער ביז עס קומט זייער ריי אַרויסצומאַרשירן.

נײַע ווערטער

געפֿינען זיך	(are) located
די הײַזער	houses, buildings
פֿאַרברענגען	spend
די מיטלשול	high school
די שעה	hour
די פֿאַראייניקטע שטאַטן	the United States
שאָקלען	shake
שטעלן זיך אויס	line up
דער הויף	court
מאַרשירט	marches
אַרויסמאַרשירן	to march out

פֿראַגעס:

1. זײַנען דאָ ייִדישע שולן אין אַרגענטינע?
2. וויפֿל טעג אַ וואָך לערנען די קינדער?
3. ריידן די קינדער גוט ייִדיש?
4. ווייסטו ווי עס הייסט די הויפּטשטאָט פֿון אַרגענטינע?

ניו-יאָרק   בוענאָס-אײַרעס   תל-אָביב

אַ קלוגער ענטפֿער

אין ירושלים האָט געלעבט אַ גוטער מענטש מיטן נאָמען חוני. חוני גייט איין מאָל אין וועג. זעט ער: אַן אַלטער מאַן פֿלאַנצט אַ בוים. פֿרעגט אים חוני:

— וואָסער בוים פֿלאַנצט איר?

— איך פֿלאַנץ אַ באָקסער-בוים — ענטפֿערט דער אַלטער מאַן.

— אין וויפֿל יאָר אַרום וועט איר האָבן פֿון דעם בוים די פֿרוכטן?

— אין זיבעציק יאָר אַרום.

— וועט איר דאָך די פֿרוכטן ניט עסן — זאָגט חוני.

— איך טו וואָס עס האָבן געטאָן מײַנע עלטערן.

— ענטפֿערט דער אַלטער מאַן — זיי האָבן גע־פֿלאַנצט באָקסער פֿאַר מיר און איך פֿלאַנץ באָק־סער פֿאַר מײַנע קינדער.

מער האָט חוני גאָרניט געזאָגט. ער האָט גע־טראַכט: דער אַלטער מענטש איז גערעכט. אַ מענטש דאַרף טראַכטן ניט נאָר וועגן זיך אַליין.

נײַע ווערטער

ירושלים	Jerusalem
פֿלאַנצט	plants
וואָסער	what kind
אין וויפֿל יאָר אַרום	in how many years
די פֿרוכטן	fruits
דער באָקסער־בוים	Carob tree
איך פֿלאַנץ	I plant
איז גערעכט	is right
וועגן	about

פֿראַגעס און ענטפֿערס:

1. וואָס זעט חוני ווען ער גייט אין וועג?

חוני זעט אַן אַלטער מאַן______________________

2. וואָס פֿרעגט חוני דעם אַלטן מאַן?

חוני פֿרעגט: וואָסער בוים ________________?

3. אין וויפֿל יאָר אַרום וועט דער בוים האָבן באָקסער?

דער בוים וועט האָבן באָקסער אין ______________

4. אַרבעט אַ מענטש נאָר פֿאַר זיך אַליין?

ניין, אַ מענטש אַרבעט ניט נאָר ______________

שרײַב אַרײַן:

עפּל — דער עפּלבוים

באַרן — ________________

באַקסער — ______________

לאָמיר ציילן ביז הונדערט:

1 — אײנס	11 — עלף	30 — דרײַסיק
2 — צוויי	12 — צוועלף	40 — פֿערציק
3 — דרײַ	13 — דרײַצן	50 — פֿופֿציק
4 — פֿיר	14 — פֿערצן	60 — זעכציק
5 — פֿינף	15 — פֿופֿצן	70 — זיבעציק
6 — זעקס	16 — זעכצן	80 — אַכציק
7 — זיבן	17 — זיבעצן	90 — נײַנציק
8 — אַכט	18 — אַכצן	100 — הונדערט
9 — נײַן	19 — נײַנצן	
10 — צען	20 — צוואַנציק	

לאָמיר לערנען מאַטעמאַטיק אויף ייִדיש:

דרײַ פּלוס דרײַ איז זעקס — $3 + 3 = 6$

נײַן מינוס פֿינף איז פֿיר — $9 - 5 = 4$

צוויי מאָל צוויי איז פֿיר — $2 \times 2 = 4$

$4 + 6 =$ __________ $10 + 10 =$ __________

$8 - 3 =$ __________ $20 + 30 =$ __________

$3 \times 3 =$ __________ $90 - 40 =$ __________

$6 \times 2 =$ __________ $90 - 50 =$ __________

ט״ו בשבֿט

ט״ו מיינט פֿופֿצן.

דער פֿופֿצנטער טאָג אין חודש שבֿט איז דאָס נײַע יאָר פֿון די ביימער אין ארץ-ישׂראל. עס הייבט זיך דעמאָלט אָן דער פֿרילינג אין לאַנד. די קינדער פֿלאַנצן ביימער. מיר עסן פֿײַגן, באָקסער, טייטלען און ראָזשינקעס.

דער חודש	צוועלף חדשים
שבֿט	ארץ-ישׂראל

אין חודש שבֿט

אין דעם שײנעם לאַנד פֿון חומש
בליִען איצטער בוים און בלאַט.
ליכטיק איז די זון און וואַרעם,
איצט, אין קאַלטן חודש שבֿט.

ליכטיק איז די זון און וואַרעם,
בליִען איצטער בוים און בלאַט.
אין דעם שײנעם לאַנד פֿון חומש,
ס׳איז דער יום־טובֿ ט״ו־בשבֿט.

לאָמיר געדענקען:

א — איז 1	יא — ____	ל — ____
בּ — איז 2	יב — ____	מ — ____
ג — ____	יג — ____	נ — ____
ד — ____	יד — ____	ס — ____
ה — ____	טו — ____	ע — ____
ו — ____	טז — ____	פּ — ____
ז — ____	יז — ____	צ — ____
ח — ____	יח — ____	ק — ____
ט — ____	יט — ____	ר — ____
י — ____	כ — ____	ש — ____
		ת — ____

דער קליינער לינקאָלן

אייבּרעהעם לינקאָלן איז געווען אַן אָרעם יינגל. זײַן פֿאָטער האָט אַ גאַנצן טאָג געאַרבעט, און דער קליינער לינקאָלן האָט געהאָלפֿן דעם פֿאָטער אין דער אַרבעט. דער פֿאָטער האָט געאַרבעט אַרום די שיפֿן.

אויף די שיפֿן האָט דער קליינער לינקאָלן געזען אַ סך נעגערס. די נעגערס זײַנען געווען שקלאַפֿן. זיי האָבן זייער שווער געאַרבעט און מען האָט זיי געשלאָגן מיט בײַטשן.

איין מאָל האָט דער קליינער לינקאָלן געזען: אַן אַלטער נעגער טראָגט אַ שווערן קאַסטן. דער אַלטער נעגער האָט דעם קאַסטן ניט געקענט טראָגן. איז לינקאָלן צוגעלאָפֿן צו אים און געזאָגט:

— איך וועל דיר העלפֿן טראָגן דעם קאַסטן. — ער האָט געהאָלפֿן דעם נעגער אַרויפֿטראָגן דעם קאַסטן אויף אַ שיף.

דער אַלטער מאַן האָט אים געזאָגט:

— אַ דאַנק דיר, אַ דאַנק דיר! דאָס איז דאָס ערשטע מאָל ווען אַ ווײַסער העלפֿט מיר אין דער אַרבעט.

ווען לינקאָלן איז געוואָרן אַ גרויסער, איז ער געוואָרן דער פּרעזידענט פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן און ער האָט באַפֿרײַט די שקלאַפֿן.

לינקאָלן האָט געגלייבט אַז אַלע מענטשן זײַנען ברידער.

נײַע ווערטער

דער פֿאָטער	**father**
די שיפֿן	**ships**
דער נעגער	**black man**
דער שקלאַף	**slave**
די שקלאַפֿן	**slaves**
די בײַטשן	**whips**
דער קאַסטן	**box**
איז צוגעלאָפֿן	**ran over to**
אַ ווײַסער	**white man**
דער פּרעזידענט	**president**
האָט געגלייבט	**believed**

פֿראַגעס:

1. וואו האָבן דער קליינער לינקאָלן און זײַן פֿאָטער געאַרבעט?
2. ווער נאָך האָט געאַרבעט אַרום די שיפֿן?
3. וואָס טוט דער אַלטער נעגער?
4. האָט אים דער קליינער לינקאָלן געהאָלפֿן טראָגן דעם קאַסטן?
5. אין וואָס האָט פּרעזידענט לינקאָלן געגלייבט?

מאַך זאַצן מיט די ווערטער:

וואו? ווער? וואָס? ווי? וועמען?

לאָמיר געדענקען:

דער — די — דאָס

דער טאַטע	די מאַמע	דאָס קינד
דער זיידע	די באָבע	דאָס פֿענצטער
דער ברודער	די שוועסטער	דאָס ליכט
דער לערער	די לערערין	דאָס געלט
דער מאַן	די פֿרוי	דאָס ברויט

מיר זאָגן אויך **דאָס** ווען זאַכן זײַנען קליין:

דער טיש — דאָס טישעלע
דער לאָמפּ — דאָס לעמפּעלע
דער ברודער — דאָס ברודערל
די שוועסטער — דאָס שוועסטערל

אָבער שטענדיק איז די:

די מאַמעס
די קינדער
די לערערס
די פֿענצטער
די זיידעס

די מעשׂה פֿון פּורים

א.

אין פּערסיע איז געווען אַ קיניג מיטן נאָמען אַחשורוש. איין מאָל האָט ער געמאַכט אַ גרויסע סעודה. זייער אַ סך מענטשן זײַנען געקומען צו דער סעודה. אָבער די קיניגין איז ניט געקומען. האָט דער קיניג גענומען אַן אַנדער קיניגין, זייער אַ שיינע. זי איז געווען אַ ייִדישע טאָכטער — אסתּר.

אסתּר האָט געהאַט אַ פֿעטער מרדכי. איין מאָל האָט מרדכי געהערט ווי צוויי גענעראַלן ריידן: זיי

ווילן טייטן דעם קיניג. מרדכי האָט עס גלײַך דער־
ציילט דער קיניגין. האָט מען ביידע גענעראַלן גע־
האַנגען. די מעשׂה האָט מען פֿאַרשריבן אין קיניגס
בוך.

דערווײַל האָט דער קיניג גרויס געמאַכט אַ
שלעכטן מענטשן מיטן נאָמען המן. המן האָט
פֿײַנט געהאַט ייִדן. ער האָט געוואָלט אַז מרדכי
זאָל זיך צו אים בוקן. מרדכי האָט עס אָבער ניט
געטאָן. האָט ער צוגעגרייט אַ בוים צו הענגען
מרדכין.

נײַע ווערטער

Persia	פּערסיע
Ahasuerus	אַחשורוש
the queen	די קיניגין
the general	דער גענעראַל
hated	האָט פֿײַנט געהאַט
to bow down	זיך בוקן
so he prepared	האָט ער צוגעגרייט
promoted, elevated	האָט גרויס געמאַכט

ב.

איין נאַכט האָט דער קיניג ניט געקענט
שלאָפֿן. האָט ער גענומען זײַן בוך און
האָט געלייענט די מעשׂה ווי מרדכי
האָט געראַטעוועט זײַן לעבן. דער קי־
ניג האָט געפֿרעגט:

— האָט מען מרדכין מיט עפּעס באַלוינט?

— ניין.

האָט דער קיניג גערופֿן המנען און געפֿרעגט:

— המן, וואָס טוט מען מיט אַ מענטשן וואָס דער קיניג האָט אים ליב? המן האָט געטראַכט:

וועמען האָט דער קיניג ליב אויב ניט מיך? און ער האָט געזאָגט:

— אַזאַ מענטשן טו אָן דיינע קליידער, זאָל ער רייטן אויפֿן קיניגס פֿערד און אַ גרויסער מאַן זאָל אים פֿירן איבער דער גאַנצער שטאָט און שרייען: אַזוי טוט מען מיט אַ מענטשן וואָס דער קיניג האָט ליב!

— זייער שיין — האָט דער קיניג געזאָגט: גיב דעם ייִדן מרדכי מיינע קליידער, מיין פֿערד און דו פֿיר אים איבער דער גאַנצער שטאָט. המן האָט אַזוי געטאָן.

נייַע ווערטער

האָט געראַטעוועט	saved
באַלוינט	rewarded
המן	Haman
וועמען	whom
רייַטן	ride
דאָס פֿערד	horse
פֿיר אים	lead him

דער כּעס האָט געבּרענט אין המנען. זאָגט ער איין מאָל צום קיניג, ווען זיי האָבּן געטרונקען וויַין:

— גרויסער קיניג! בּיַי דיר אין לאַנד וואוינען שלעכטע מענטשן, די ייִדן. זיי הערן ניט וואָס דו זאָגסט, זיי לעבּן אַנדערש ווי מיר. לאָמיר זיי טייטן!

— טו וואָס דו ווילסט — האָט געזאָגט דער קיניג.

המן האָט געטאָן אַ שרעקלעכע זאַך: ער האָט געגעבּן אַ בּאַפֿעל מען זאָל טייטן אַלע ייִדן, גרויס און קליין, יונג און אַלט.

ייִדן האָבּן געוויינט. מרדכי אויך. איז ער אַוועק צו אסתּרן און האָט געזאָגט:

— דו בּיסט אויך אַ ייִדישע טאָכטער. גיי צום קיניג און בּעט פֿאַר דיַינע בּרידער און שוועסטער.

אסתּר האָט געמאַכט אַ סעודה. צו דער סעודה איז געקומען דער קיניג, אויך המן. אסתּר איז געווען זייער טרויעריק.

פֿרעגט דער קיניג:

— וואָס איז מיט דיר, אסתּר? וואָס בּיסטו אַזוי טרויעריק?

האָט זי געענטפֿערט:

— ווי קען איך זײַן פֿריילעך? מע וויל טייטן מײַנע ברידער און שוועסטער, גרויסער קיניג.

— ווער איז דאָס דער שלעכטער מענטש וואָס וויל זיי טייטן?

האָט אסתּר געוויזן מיטן פֿינגער:

— דאָס איז ער, המן!

— הענגט אים! — האָט דער קיניג באַפֿוילן.

האָט מען אַזוי געטאָן, מען האָט המנען געהאָנגען אויפֿן בוים וואָס ער האָט צוגעגרייט פֿאַר מרדכין.

די ייִדן האָבן זיך געראַטעוועט. מרדכי איז געוואָרן דער צווייטער צום קיניג. אין אַלע ייִדישע היימען האָט מען געלאַכט, געזונגען, געגעסן זיסע המן־טאַשן. עס איז געווען אַ יום־טובֿ, דער יום־טובֿ פּורים.

נײַע ווערטער

דער כּעס	anger
וואוינען	live, reside
אַנדערש	different
אַ שרעקלעכע זאַך	a terrible thing
דער באַפֿעל	command
בעטן פֿאַר	plead for
האָבן זיך געראַטעוועט	were rescued

פֿראַגעס:

1. ווער איז ניט געקומען צו דער סעודה?
2. איז אסתּר געווען אַ ייִדישע טאָכטער?
3. ווער האָט געראַטעוועט דעם קיניגס לעבן?
4. וואָס האָט המן געטראַכט?
5. וואָס האָט דער קיניג געזאָגט?

טראַכט און שרײַב:

פֿריִער	איצט:
	דער קיניג מאַכט אַ סעודה.
	זי איז אַ ייִדישע טאָכטער.
	אסתּר האָט אַ פֿעטער.
	דער קיניג קען ניט שלאָפֿן.
	המן טוט אַ שרעקלעכע זאַך.
	דער קיניג קומט צו דער סעודה.

אַ גוט־יום־טובֿ, ייִדן

אַ גוט־יום־טובֿ, ייִדן —
אַ גוט־פּורים זאָג איך.
אַ גוט־יום־טובֿ, מענטשן,
שלח־מנות טראָג איך.

פּורים איז מיר פֿריילעך,
פּורים איז מיר גוט.
לאָמיר אַלע טאַנצן
אַ טאָג מיט אַ מינוט.

המן איז געהאַנגען —
װעלן מיר זיך פֿרייען.
המן־טאַשן עסן
און דעם גראַגער דרייען.

אַ טאָג פֿון פֿרייד

המן איז געהאַנגען,
מרדכי טראָגט די קרוין.
פֿון די צרות פּטור
זײַנען ייִדן שוין.

אויף די פֿערד פֿון קיניג,
דורכן גאַנצן לאַנד,
לויפֿן פֿלינקע לויפֿערס
מיט אַ בריוו אין האַנט.

אין דעם בריוו געשריבן
ריין און ריכטיק שטייט:
אַז דער טאָג פֿון פּורים
איז אַ טאָג פֿון פֿרייד.

נײַע ווערטער

די קרוין	crown
די צרות	troubles
פּטור	rid of
פֿלינקע	speedy

פּסח

א.

אַ סך יאָרן זײַנען ייִדן געווען שקלאַפֿן אין לאַנד מצרים. זיי האָבן זייער שווער געאַרבעט. זיי האָבן געבויט פּיראַמידן און שטעט.

פּרעה, דער קיניג פֿון מצרים, איז געווען זייער אַ שלעכטער. ער האָט געהייסן די ייִדישע קנעכט מאַכן ציגל און האָט זיי ניט געגעבן קיין שטרוי; ער האָט געהייסן ייִדישע ייִנגלעך וואַרפֿן אין טײַך, אין ניל.

איז געקומען משה צו פּרעהן און האָט געזאָגט:

— לאָז אַרויס די קנעכט! זיי ווילן זײַן פֿרײַע מענטשן.

פּרעה האָט ניט געוואָלט באַפֿרײַען די קנעכט. צען מאָל האָט אים משה דערפֿאַר באַשטראָפֿט. ווען פּרעהס עלטסטער זון איז געשטאָרבן, איז ער אַליין געלאָפֿן צו משהן:

— נעם אַרויס די קנעכט! פֿיר זיי אַרויס, גיך!

נײַע ווערטער

לאָז אַרויס!	let them out!
נעם אַרויס!	take them out!
פֿיר אַרויס!	lead out!
פֿרײַע	free
באַפֿרײַען	to free
די פֿרײַהייט	freedom

די ייִדישע קנעכט זײַנען אַרויס פֿון מצרים אין מיטן נאַכט. זיי האָבן ניט געקענט צוגרייטן קיין שפּײַז, האָבן זיי פֿון ניט־געזײַערטן טייג געבאַקן מצות. בײַ טאָג און בײַ נאַכט זײַנען זיי געגאַנגען ביז זיי זײַנען געקומען צום ים. דאָ האָבן זיי דערזען הינטער זיך פּרעהס רײַטערס. זיי האָבן זיך זייער דערשראָקן.

דעמאָלט האָט משה אָנגערירט מיט זײַן שטעקן דעם ים. פֿונעם וואַסער זײַנען געוואָרן צוויי הויכע ווענט און די ייִדן זײַנען אַרײַן אין ים אויף דער טריקעניש. ווען פּרעהס פֿערד און רײַטערס זײַנען אַרײַן אין ים, האָבן זיי די וואַסערן צוגעדעקט.

די ייִדן האָבן זיך זייער געפֿרייט. אַלט און יונג, גרויס און קליין האָבן געזונגען.

זיי זײַנען געוואָרן פֿרײַע מענטשן.

נײַע װערטער

אין מיטן נאַכט	in the middle of the night
די שפּײַז	food
דאָס טײג	dough
ניט-געזײַערט טײג	unleavened dough
הינטער זיך	behind them
די רײַטערס	riders, soldiers
האָט אָנגערירט	touched
דער ים	sea
די טריקעניש	dry land
האָבן צוגעדעקט	covered

טראַכט און שרײַב:

איצט: **פֿריִער:**

זײ האָבן ניט קײן צײַט. ______________________

____

זײ נעמען דאָס זויערטײג. ______________________

____

זײ קומען צום ים. ______________________

____

זײ שרעקן זיך. ______________________

____

פֿונעם װאַסער װערן צװײ װענט. ______________________

____

די ייִדן פֿרײען זיך. ______________________

____

אַ גרויסער יום־טובֿ

ס'איז אַ גרויסער יום־טובֿ
און אַ גרויסע פֿרייד.
ס'איז די נאַכט פֿון סדר —
אַלץ איז צוגעגרייט:

מצה, ווײַן, חרוסת,
און אויך פֿלייש און פֿיש.
ס'הייבט זיך אָן דער סדר —
לאָמיר גיין צום טיש.

בײַ נאַכט

בײַ נאַכט אַ זײַל פֿון פֿײַער,
בײַ טאָג אַ וואָלקן גייט.
צו אַ וועלט, אַ פֿרײַער,
גייט דאָס פֿאָלק מיט פֿרייד.

אליהו

אליהוס כּוס דער שיינער
שטייט שוין פֿול מיט ווײַן,
באַלד וועט אליהו קומען,
באַלד וועט ער אַרײַן.

ווײַל צום סדר קומט ער בענטשן
יעדן ייִדנס הויז.
און פֿאַר אים דעם כּוס דעם שענסטן
קלײַבט מען שטענדיק אויס.

דער קליינער העלד

אַכט יאָר איז מאיר אַלט געווען ווען די נאַציס זײַנען אַרײַן קיין וואַרשע. מאיר האָט אַלץ געטאָן צו העלפֿן זײַנע טאַטע־מאַמע, די שוועסטערלעך און זיך אַליין. אין פֿינצטערע נעכט איז ער אַרויס זוכן שפּײַז. אַ מאָל האָט ער געבראַכט ברויט, אַ מאָל — קאַרטאָפֿל. ער האָט זיך ניט געשראָקן. ער האָט געוואוסט: וועט ער ניט גיין זוכן שפּײַז, וועט גיין דער טאַטע, וועט גיין די מאַמע. ער האָט ניט געוואָלט די נאַציס זאָלן זיי כאַפּן.

אין אַפּריל 1943 איז געווען דער אויפשטאַנד פון די ייִדן קעגן די נאַציס. מאיר איז שוין אַלט געווען עלף יאָר. ער איז אַרום העלפן די ייִדן פון זײַן הויז זיך שלאָגן מיט די נאַציס. ער האָט געטראָגן קוילן, ער האָט געבראַכט עסן, וואַסער. די ייִדן האָבן אים גערופן: דער קלײנער העלד.

אַ סך טעג האָבן זיך די ייִדן געשלאָגן, ביז אַ באָמבע איז געפאַלן אויף זייער הויז. מאיר און אַ סך ייִדן זײַנען געהרגעט געוואָרן. ייִדן האָבן שפּע־טער געזאָגט:

— מאיר איז בלויז אין וואוקס געווען קליין. ער איז געווען אַ גרויסער העלד.

נײַע ווערטער

דער העלד	hero
וואַרשע	Warsaw
פֿינצטערע	dark
די שפּײַז	food
כאַפּן	catch
דער אויפשטאַנד	uprising
זיך שלאָגן	to fight
די קוילן	bullets
די באָמבע	bomb
געהרגעט געוואָרן	were killed

אין וואַרשעווער געטאָ

אין וואַרשעווער געטאָ
שטייט אַ מאָנומענט
פֿון שטיין אויסגעהאַקט —
צוויי ייִדישע הענט.

אַרום איז אַ חורבן,
קיין זכר פֿון ווענט.
מע זעט נאָר צוויי פֿויסטן,
צוויי ייִדישע הענט.

עס שוועבט אַ לעגענדע
אַרום אָט־די הענט.
און ס׳ברענט דאָרט אַ פֿײַער,
עס ברענט און עס ברענט.

נײַע ווערטער

דער מאָנומענט	monument
אויסגעהאַקט	carved out
דער חורבן	destruction
דער זכר	trace
די פֿויסטן	fists
שוועבן	float, hover

דער לערער יאַנוש קאָרטשאַק

אין פּוילן האָט געלעבט אַ באַרימטער לערער. ער האָט געהייסן יאַנוש קאָרטשאַק. ער האָט געהאַט אַ היים פֿאַר יתומים — פֿאַר קינדער וואָס האָבן ניט קיין טאַטע־מאַמע — אַ יתומים־הויז. די קינדער אין זײַן היים האָבן געאַרבעט, געלערנט און פֿאַרגעסן אַז זיי זײַנען יתומים. די היים איז געווען אַ פֿרײַע רעפּובליק — מיט אַ פּרעזידענט, מיט וואַלן — אַלץ געפֿירט פֿון די קינדער. זיי זײַנען געווען גליקלעך אין דער היים פֿון יאַנוש קאָרטשאַק.

קיין פּוילן זײַנען געקומען די נאַציס. זיי זײַנען אַרײַן אין דער קינדער־היים און אַלע קינדער אַרויסגעפֿירט צו הרגענען. דעם לערער יאַנוש קאָרטשאַק האָבן זיי ניט גענומען, ווײַל ער איז געווען אַ פּוילישער אָפֿיציר, אָבער יאַנוש קאָרטשאַק האָט געזאָגט:

— ניין, איך גיי צוזאַמען מיט מײַנע קינדער. איך האָב געלעבט מיט זיי און איך וועל מיט זיי שטאַרבן.

ער איז אַרײַן אין דער רײ צווישן די קינדער. אײן קינד האָט ער גענומען אויפֿן אָרעם, אַ צווייט קינד האָט ער גענומען בײַ דער האַנט. אַזוי איז ער מיט זײ געגאַנגען איבער די גאַסן פֿון וואַרשע. געגאַנגען צוזאַמען מיט די קינדער דעם לעצטן וועג.

נײַע ווערטער

Poland	פּוילן
orphan	דער יתום
orphans	די יתומים
republic	די רעפּובליק
elections	די וואַלן
officer	דער אָפֿיציר
carried	גענומען אויפֿן אָרעם
go to one's death (lit.—walk the final path)	גײן דעם לעצטן וועג

שרײַב זאַצן:

געטאָ　　　6 מיליאָן

דער 19־טער אַפּריל 1943

וואַרשע

די נאַציס

די שלעכטע נאַציס, דו פֿאַרגעס זיי נישט!
אַזוי פֿיל לענדער האָבן זיי פֿאַרוויסט.
אַזוי פֿיל מענטשן האָבן זיי פֿאַרלענדט.
אַזוי פֿיל ייִדן האָבן זיי פֿאַרברענט.
אַזוי פֿיל קינדער האָבן זיי געטייט —
אַזוי פֿיל לידער און אַזוי פֿיל פֿרייד.

נײַע ווערטער

די נאַציס	**Nazis**
פֿאַרוויסט	**ruined**
פֿאַרלענדט	**destroyed**
פֿאַרברענט	**burned**

פֿראַגעס:

1. ווער זײַנען געווען די נאַציס?
2. וויפֿל ייִדן האָבן זיי געטייט?
3. וואָס איז אַ געטאָ?
4. וואָס איז געשען אין וואַרשעווער געטאָ?

אַ בריוו פֿון ישׂראל

טײַערע גיטעלע און מאָטעלע און פֿײגעלע:
דעם בריוו שרײַבן צו אײַך דער זיידע
און די באָבע. מיר שרײַבן פֿון ישׂראל. שוין אַ
וואָך ווי מיר זײַנען דאָ אין דעם ייִדישן לאַנד.
דאָ איז זייער שיין. הײַנט איז דאָ אַ גרויסער
יום-טובֿ. דער געבורטסטאָג פֿון ישׂראל. צו
דעם יום-טובֿ קומען ייִדן פֿון דער גאַנצער וועלט.
אַלע זײַנען פֿריילעך. אַלע פֿרייען זיך מיט
ישׂראלס געבורטסטאָג.

ייִדן טאַנצן און זינגען אין די גאַסן.
ווען מיר וועלן קומען, וועלן מיר אײַך
לערנען זינגען די שיינע לידער פֿון ישׂראל.

זײַט געזונט!

דער זיידע

די באָבע

ירושלים

תל-אָבֿיב

חיפֿה

היימאַרבעט: שרײַב אַ בריוו צו אַ קינד אין ישׂראל

אַלע בויען

אַלע בויען, אַלע בויען
אָן אַן אויפֿהער, נאָך אַנאַנד,
אַלטע, יונגע, מענער, פֿרויען,
אַלע בויען אונדזער לאַנד.

פֿון דעם מאָרגנפֿרי, דעם גרויען,
ביזן אָוונט, נאָך אַנאַנד —
מענער, פֿרויען, אַלע בויען,
אַלע בויען אונדזער לאַנד.

נײַע ווערטער

אָן אַן אויפֿהער	**without interruption**
נאָך אַנאַנד	**continuously**
מאָרגנפֿרי	**dawn**
גרויען	**gray**

אַ גרויסער ייִדישער שרײַבער

אויף די ווענט אין שול זײַנען דאָ בילדער. מאַטעלע קוקט אויף די בילדער. ער פֿרעגט :

— לערער, ווער זײַנען די מענטשן ?

דער לערער ענטפֿערט :

— דאָס זײַנען ייִדישע שרײַבערס.

פֿרעגט בערעלע :

— וואָס טוט אַ שרײַבער ?

ענטפֿערט דער לערער :

— אַ שרײַבער שרײַבט מעשׂיות און לידער. ער שרײַבט פֿאַר גרויסע און פֿאַר קליינע.

גיטעלע ווײַזט אויף איין בילד און זי פֿרעגט :

— ווער איז דער שרײַבער ?

דער לערער ענטפֿערט :

— דאָס איז י. ל. פּרץ. ער איז געווען אַ ייִדישער שרײַבער. ער האָט געשריבן אַ סך שיינע מעשׂיות. ער האָט אויך געשריבן אַ סך שיינע לידער. ער האָט זייער ליב געהאַט קינדער. קוקט אין אײַערע העפֿטן. דאָס בילד פֿון דעם שרײַבער י. ל. פּרץ איז אויך דאָ אין אײַערע העפֿטן. אין קלאַס ג וועט איר לערנען זײַנע שיינע מעשׂיות און לידער.

אַ ליד פֿון י. ל. פּרץ

שטייט אין פֿעלד אַ ביימעלע,
האָט עס גרינע צווײַגעלעך,
זיצט אויף דעם אַ פֿייגעלע,
מאַכט עס צו די אייגעלעך.

אויף די גרינע צווײַגעלעך
וואַקסט אַ גאָלדן עפּעלע,
מאַך צו, מײַן קינד, די אייגעלעך,
אַ ברכה אויף דײַן קעפּעלע.



נײַע ווערטער

די צווײַגעלעך	**little branches**
די אייגעלעך	**little eyes**
די ברכה	**blessing**

אַ ברכה אויף דײַן קעפּעלע!

לאָמיר געדענקען:

אײן בילד — צוויי בילדער

אײן מענטש — דרײַ מענטשן

אײן שרײַבער — צען שרײַבערס

אײן מעשׂה — צוויי מעשׂיות

אײן ליד — אַ סך לידער

אײן קינד — אַ סך קינדער

אײן העפט — צוויי העפטן

אײן צווײַגעלע — צען צווײַגעלעך

אײן אייגעלע — צוויי אייגעלעך

טראַכט און שרײַב:

אײן שול — צוויי ________________

אײן באָבע — צוויי ________________

אײן מנורה — אַ סך ________________

אײן פֿייגעלע — צען ________________

אײן פֿעלד — אַ סך ________________

אַרעלע־נאַרעלע און זײַן מאַמע

געווען אַ מאָל אַ ייִנגעלע.

האָט ער געהייסן אַרעלע.

אַרעלע איז געווען ניט קיין קלוג ייִנגעלע,

האָבן אים אַלע גערופֿן: אַרעלע־נאַרעלע.

גייט איין מאָל אַרעלע־נאַרעלע מיט זײַן מאַמען קויפֿן נײַע זאַכן.

די מאַמע האַלט אַרעלען בײַ דער האַנט, זי זאָל אים ניט פֿאַרלירן.

אַרעלע נעמט יעדע מינוט אַרויס זײַן הענטל פֿון דער מאַמעס האַנט.

ער שטייט. ער קוקט אויף די שיינע קראָמען.

ער קוקט אויף די מענטשן וואָס גייען.

זאָגט די מאַמע:

— אַרעלע, האַלט מײַן האַנט, איך קען דיך נאָך פֿאַרלירן.

אַרעלע הערט אָבער ניט.

ער טוט עס נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל.

ביז ער פֿאַרלירט זײַן מאַמען.

גייט אַרעלע־נאַרעלע און וויינט.

ער וויינט און זוכט זײַן מאַמען.

די מאַמע איז אָבער ניטאָ.

גייט אַרעלע־נאַרעלע צו צו אַ מאַן און פֿרעגט:

— האָסטו געזען אַ מאַמע אָן אַ ייִנגעלע?

די צען געבאָט

עס איז אַ וואַרעמער שיינער טאָג אין חודש מײַ. אַלע מאָל זײַנען מאָטעלע און גיטעלע אין דער צײַט אין דרויסן — זיי שפּילן זיך מיט זייערע פֿרײַנד. הײַנט זײַנען זיי אין הויז. זיי זיצן בײַם טיש. זיי שרײַבן און ריידן, ריידן און שרײַבן.

די מאַמע אין קיך וואונדערט זיך: עס איז שוין באַלד פֿינף אַ זייגער. באַלד קומט דער טאַטע פֿון דער אַרבעט און די קינדער האָבן נאָך קיין ביסל פֿרישע לופֿט ניט געהאַט. זי זאָגט:

— מאָטעלע, גיטעלע! וואָס עפּעס זיצט איר אין הויז? וואָס גייט איר ניט אין גאַס זיך שפּילן?

שרײַט מאָטעלע:

— מיר האָבן היימאַרבעט, מאַמע! היימאַרבעט פֿאַר דער ייִדישער שול!

און גיטעלע שרײַט:

— מיר דאַרפֿן לערנען די צען געבאָט! מאַמע! עס גייט צו שבֿועות!

די מאַמע קומט אַרײַן פֿון קיך, אירע אויגן שמייכלען:

— די צען געבאָט? לאָמיר טאַקע הערן.

זאָגט מאַטעלע:

— מיר דאַרפֿן די צען געבאָט קענען לייענען. לייענען ווי אַ שיין ליד.

— און אַ ביסל אויך געדענקען, מאַטעלע. דער לערער האָט געזאָגט: געדענקען.

די קינדער נעמען זייערע העפֿטן. מאַטעלע לייענט אַ זאַץ און גיטעלע לייענט אַ זאַץ:

1. איך בין גאָט, דײַן גאָט, וואָס האָט דיך אַרויסגעפֿירט פֿון מצרים, פֿון דעם הויז פֿון קנעכטשאַפֿט.
2. זאָלסט ניט האָבן קיין אַנדערע געטער.
3. זאָלסט ניט זאָגן מײַן נאָמען אין פֿאַלשע רייד.
4. שבת, דעם זיבעטן טאָג, זאָלסטו ניט אַרבעטן. זאָל אויך ניט אַרבעטן דײַן זון, דײַן טאָכטער, דײַן קנעכט, דײַן דינסט, דײַן אָקס.
5. האַלט אין כּבֿוד דײַן פֿאָטער און מוטער.
6. זאָלסט ניט הרגענען.
7. זאָלסט ניט זײַן צעלאָזן.
8. זאָלסט ניט גנבֿענען.
9. זאָלסט ניט זאָגן פֿאַלשע עדות.
10. זאָלסט ניט וועלן וואָס עס איז ניט דײַנס.

די מאַמע איז צופֿרידן. איר פּנים שײַנט פֿון פֿרייד. זי נעמט אַרום מאַטעלען. זי נעמט אַרום גיטעלען.

— זייער גוט, קינדער, די צען געבאָט דאַרפֿן אַלע מענטשן קענען. ווען אַלע מענטשן וועלן זיי קענען און זיי אָפּהיטן, וועלן קיין מלחמות ניט זײַן. מענטשן וועלן לעבן ערלעך און שיין.

נײַע ווערטער

to kill	הרגענען
to be uncontrolled, wild	זײַן צעלאָזן
to steal	גנבֿענען
to wonder	זיך וואונדערן
to remember	געדענקען
to observe	אָפּהיטן
to respect, to honor	האַלטן אין כּבֿוד
soon it will be Shevues	עס גייט צו שבֿועות

נאָך געזעצן פֿון דער תּורה:

וועגן קנעכט

זאָל מער ווי זעקס געציילטע יאָר
אַ קנעכט בײַ דיר ניט זײַן.
פֿון דײַן הויז זאָל ער אַוועק
מיט פֿלייש און ברויט און ווײַן.

וועגן פֿרײַהייט

פֿרײַהייט זאָלסטו אויסרופֿן
אין דעם לאַנד דעם גאָרן:
פֿאַר דעם פֿרעמדן, ווי פֿאַר דעם
וואָס איז אין לאַנד געבאָרן.

טראַכט און שרײַב:

איצט:	שפּעטער:	
איך קען —	איך וועל קענען	
איך לעב —	----- ------	--------------
איך שרײַב —	----- ------	--------------
איך געדענק —	----- ------	--------------
איך אַרבעט —	----- ------	--------------

יושר

אַ ייִד האָט געקויפֿט אַ פֿאַס ווײַן. ער האָט גענומען צוויי אַרבעטער און זיי גע־זאָגט:

— ברענגט די פֿאַס ווײַן צו מיר אין הויז.

די אַרבעטער האָבן געטראָגן די פֿאַס. די פֿאַס איז געווען גרויס און שווער. זי איז אַרויסגעפֿאַלן פֿון זייערע הענט און האָט זיך צעבראָכן. אויס פֿאַס — אויס ווײַן!

דער ייִד איז געווען אין כּעס. ער האָט בײַ די אַרבעטער צוגענומען זייערע רעקלעך.

זיי זײַנען אַוועק צום רבֿ.

דער ייִד און די אַרבעטער האָבן דערציילט וואָס עס האָט געטראָפֿן מיט דער פֿאַס. דער רבֿ האָט געזאָגט צום ייִדן:

— גיב צוריק די רעקלעך. באַצאָל אויך די אַרבעטער פֿאַר דער אַרבעט. עס איז שוין אין מיטן טאָג — זיי וועלן קיין אַנדער אַרבעט ניט האָבן. זייערע ווײַבער און קינדער וועלן זײַן הונגעריק. זיי האָבן שווער געאַרבעט און זײַנען ניט שולדיק וואָס די פֿאַס האָט זיך צעבראָכן. זײַ אַזוי גוט און באַצאָל וואָס זיי קומט.

דער ייִד האָט זיך פֿאַרשעמט. ער האָט געגעבן צוריק די אַרבעטער זייערע רעקלעך. ער האָט זיי באַצאָלט וואָס זיי קומט. ער האָט געזאָגט צום רבֿ:

— אַ דאַנק אײַך, רבי. איצט ווייס איך וואָס עס מיינט יושר.

פֿראַגעס:

1. וואָס האָט דער ייִד געזאָגט צו די אַרבעטער?
2. וואָס האָט געטראָפֿן מיט דער פֿאַס ווײַן?
3. צו וועמען זײַנען די אַרבעטער אַוועק?
4. וואָס האָט דער רבֿ געזאָגט?
5. וואָס מיינט „יושר״?

איינצאָל:	מערצאָל:
ברענג!	ברענגט!
גיב!	גיט!
באַצאָל!	באַצאָלט!
זײַ!	זײַט!

נײַע ווערטער

יושר	justice
די פֿאַס	barrel
אוים פֿאַס	no more barrel
די רעקלעך	jackets
וואָס עס׳ האָט געטראָפֿן	what happened
שולדיק	to blame

שבֿועות

אויף דעם סיני, אויף דעם אַלטן,
ליגט אַן אוצר לאַנג באַהאַלטן.
דער באַרג אין פֿײַער און אין רויך,
משהן רופֿט מען אין דער הויך.
תּורה לי, אורה לי.

זעט דאָס גאַנצע פֿאָלק צוזאַמען:
משה שטײַגט אין רויך און פֿלאַמען.
— אונדזער לערער און באַפֿרײַער,
זאָג, וואָס גייסטו אין דעם פֿײַער?
תּורה לי, אורה לי.

קינדער מײַנע, האָט ניט מורא,
כ׳ברענג פֿון סיני אײַך די תּורה.
און גאָט האָט משהן דאָרט געגעבן
אונדזער תּורה, אײביק לעבן.
תּורה לי, אורה לי.

נײַע װערטער

דער אוצר	treasure
תּורה לי	I have the Torah
אורה לי	I have a guiding light
דאָס פֿאָלק	nation
שטײַגן	to rise, ascend
האָט ניט מורא	do not fear

טראַכט און שרײַב:

װער װײסט דאָס פֿאַרקערטע?

גוט — ______________ גיבן — ______________

קראַנק — ______________ פֿרעגט — ______________

פֿרײלעך — ______________ לאַכט — ______________

ברודער — ______________ געװעכט — ______________

זומער — ______________ שטאַרבן — ______________

קלײן — ______________ נאַריש — ______________

װאַרעם — ______________

אַ פֿריילעכן געזונטן זומער, קינדער

עס איז שוין זומער. נאָך עטלעכע וואָכן און אַלע שולן אין לאַנד וועלן ווערן צוגעמאַכט. עס קומט די פֿריילעכע צײַט פֿון וואַקאַציע. גאַנצע צען וואָכן וועט מען ניט דאַרפֿן לויפֿן אין דער פֿרי אין סקול, בײַ טאָג אין שול און אין אָוונט טאָן די היימאַרבעט.

עס וועלן זײַן שיינע ליכטיקע טעג.

וואָס טוט מען אין די לאַנגע טעג? עס איז דאָ אַ סך צו טאָן: שווימען אין טײַך, שפּאַצירן איבער די גאַסן, שפּילן באָל, גיין אין פּאַרק. ווער עס וועט זײַן אין קעמפּ, ווער אין אַ דאָרף, ווער אין שטאָט. אומעטום וועט דער הימל זײַן הויך און בלוי, די ביימער גרין, דאָס וואַסער וואַרעם און אָנגענעם.

וואַקאַציע איז אַ צײַט פֿון פֿאַרגעניגן. מע זעט זאַכן וואָס מע זעט ניט אַ גאַנץ יאָר: ווי שיין די זון גייט אויף, ווי שיין זי פֿאַרגייט: ווי גרויס און ליכטיק עס איז די לבֿנה, און ווי גרין עס זײַנען די בלעטער פֿונעם ביימל.

עס איז אַ צײַט פֿון רו, פֿון שפּיל, פֿון פֿרייד. אין קעמפּ — מיט נײַע און אַלטע חבֿרים, אין דער היים — מיט דער פֿאַמיליע, אין דאָרף — מיט נײַע פֿרײַנד.

עס איז דאָ גענוג צײַט צו נעמען אין האַנט אַרײַן אַ בוך, אַ זשורנאַל, אַ צײַטונג. דאָס לעבן אויף דער וועלט האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט. עס זײַנען ווײַטער דאָ מלחמות

און שיסערײַען, קאָנפּערענצן, דערפֿינדונגען — דאַרף מען לייענען וועגן דעם. דאַרף מען וויסן.

מ׳ע דאַרף אויך ניט פֿאַרגעסן דאָס ביסעלע ייִדיש וואָס מע האָט געלערנט אין שול. די שיינע מעשׂיות פֿון געשיכטע. אַ ליד אויף יום־טובֿ, אַ שיין מעשׂהלע אינעם בוך. איז גוט צו האָבן דאָס ייִדישע ביכל מיט זיך. ווען מען איז פֿרײַ פֿון שפּיל, מע רוט זיך אָפּ — עפֿן דאָס ייִדישע ביכל. קענסטו לייענען דאָס מעשׂהלע? געדענקסטו דאָס ליד?

האָט אַ פֿריילעכן, געזונטן זומער, קינדער! עסט און טרינקט און פֿאַרברענגט גוט. אויסגערוטע וועט איר קו־מען צוריק אין שול אַרײַן. די שול וואַרט אויף אײַך. זי האָט נאָך אַ סך, אַ סך אײַך צו לערנען.

נײַע ווערטער

די וואַקאַציע	vacation
אָנגענעם	pleasant
דער זשורנאַל	magazine
די דערפֿינדונג	discovery
אויסגערוט	rested

שרײַב זאַצן:

דו קענסט — קענסטו?

דו געדענקסט — געדענקסטו?

די וואַקאַציע

אַ פֿריילעכן זומער!

אַ געזונטן זומער!

לאָמיר זינגען

לשנה טובֿה



מײַן סוכהלע


Moderato
A su - ke, a kley - ne Fun
bre - te - lekh shey - ne Hob
ikh mir a - leyn ge - makht! Ge -
dekt dem dakh Mit a bi - se-le skhakh Un ikh
zits in ir su-kes bay nakht. Ge- nakht.
1.
2.

אַמעריקע, מײַן װוּנדערלאַנד



אין חודש שבֿט


Allegro
In dem shey-nem land fun khu-mesh
Bli-en its- ter boym un blat.
Likh -tik iz di zun un va - rem,
Itst in kal-tn khoydesh shvat.
Likh-tik iz di zun un va - rem,
Bli - en its-ter boym un blat.
In dem shey-nem land fun khu-mesh
S'iz der yon-tev Tu - bi - shvat!
shvat! S'iz der yontev Tu-bi - shvat!

שטייט אין פֿעלד אַ ביימעלע



שבועות


Moderato
Af dem si-nay, af dem al- tn,
Ligt an oy-tser lang ba - hal - tn.
Der barg in fay- er un in roykh,
Moy-shen ruft men in der hoykh.
Der barg in fay-er un in roykh,
Moy-shen ruft men in der hoykh.
Toy-re li-li-li, Oy-re li-li-li___
Yam-bam Ya-ba-ba-bam Ya-ba-bay,ya-bay-bam.
Yam-bam Ya-ba-ba-bam,Ya-ba-bam Ya-ba-bam.

אינהאַלט:

דער יום־טובֿ פֿון אַרבעט 7
דאָס ליד פֿון אַרבעט — מאַני לייב 9
צוריק אין שול 10
באַלד איז ראָש־השנה 11
לשנה־טובֿה (ליד) — ש. צעסלער, מוזיק: חנה מלאַטעק 13
לשנה־טובֿה; יום־כּיפּור — מ. אַליצקי 14
בשלום — ש. באַסטאָמסקי 16
סוכּות (לויט שלום־עליכם) 18
מײַן סוכּהלע (ליד) — אַ. רייזען 19
מאַך שיין די סוכּה (ליד) — מ. אַליצקי 20
שׂמחת־תּורה (ליד) — ב. סיגאַל 20
שׂמחת־תּורה (ליד) — ווערטער און מוזיק פֿון מ. מ. וואַרשאַווסקי 21
הקפֿות אין שול — י. קאַפּעלאָוו 22
די זון און די לבֿנה (אַגדה) 24
קין און הבֿל (אַגדה) 26
וואו זשע בין איך? — ל. ה. יפֿה 28
דער דאַנקטאָג 32
אַמעריקע, מײַן וואונדערלאַנד (ליד) — נחום יוד,
מוזיק: מ. געלבאַרט 33
אַמעריקע (ליד) — אַבֿרהם רייזען 34
עס איז ניט זײַנס (אַגדה) 35
פּעטער מלך קומט פֿון אַ רײַזע 36
די מעשׂה פֿון חנוכּה 39
זעסט, מײַן קינד (ליד) — שמעון פֿרוג 41
לאַטקעס (ליד) — מ. אַליצקי 41
דאָס דריידל (ליד) — אַ. צייטלין 41
פּעטער מלך קומט צום ערשטן ליכטל 43
חנוכּה־געלט 45
דריי זיך, דריידעלע (ליד) — חנה מלאַטעק, מוזיק: אַ. גאָלדפֿאַדען 46
דריידל און לאַטקעס 47
לאָמיר (ליד) — י. קאַמינסקי 49
פֿאַר די וואונדער (ליד) — י. קאַמינסקי 49
די מענטשן פֿון כעלעם (פֿאָלקלאָר) 50
אַבֿרהם רייזען און דער אָרעמער יינגל — י. מלאַטעק 53
וואָס טוט דער טאַטע — ש. באַסטאָמסקי 55

פּרישטיק — ש. באַסטאַמסקי 56
אַ שניי־מענטש 57
רעטענישן 60
הלל אויפֿן דאַך (אַגדה) 62
אַ גאַסט פֿון אַ ווײַט לאַנד 64
ייִדן אויף דער וועלט 67
אין די ווײַטסטע לענדער — אַבֿרהם רייזען 68
די ייִדישע שולן אין אַרגענטינע 70
אַ קלוגער ענטפֿער (אַגדה) 72
טו בשבֿט 75
אין חודש שבֿט (ליד) — מ. אַליצקי, מוזיק: חנה מלאַטעק 76
דער קליינער לינקאָלן („ספֿר החדש״) 77
די מעשׂה פֿון פּורים 80
גוט־יום־טובֿ, ייִדן (ליד) — י. קאַמינסקי 86
אַ טאָג פֿון פֿרייד (ליד) — מ. אַליצקי 87
פּסח 88
אַ גרויסער יום־טובֿ (ליד) — א. אינדעלמאַן 91
בײַ נאַכט (ליד) — מ. אַליצקי 91
אליהו (ליד) — נחום יוד 91
דער קליינער העלד 92
אין וואַרשעווער געטאָ (ליד) — א. אינדעלמאַן 94
דער לערער יאַנוש קאָרטשאַק 95
די נאַציס (ליד) — מ. אַליצקי 97
אַ בריוו פֿון ישׂראל 98
אַלע בויען (ליד) — ש. צעסלער 99
אַרעלע־נאַרעלע — י. מלאַטעק 103
די צען געבאָט 104
געזעצן פֿון דער תּורה — מ. אַליצקי 106
יושר (אַגדה) 107
שבֿועות (ליד) — אַ. בראַמבערג, מוזיק: חסידישער ניגון 109
אַ פֿריילעכן געזונטן זומער! 111

לידער מיט נאָטן

שׂמחת־תּורה — ווערטער און מוזיק פֿון מ. מ. וואַרשאַווסקי 21
דריי זיך, דריידעלע — חנה מלאַטעק, מוזיק: אַ. גאָלדפֿאַדען 46
לשנה טובֿה — ש. צעסלער, מוזיק: חנה מלאַטעק 113
מײַן סוכּהלע — אַ. רייזען 114
אַמעריקע, מײַן וואונדערלאַנד — נחום יוד, מוזיק: מ. געלבאַרט 115
אין חודש שבֿט — מ. אַליצקי, מוזיק: חנה מלאַטעק 116
שטייט אין פֿעלד אַ ביימעלע — י. ל. פּרץ, מוזיק: מ. געלבאַרט . . 117
שבֿועות — אַ. בראַמבערג, מוזיק: חסידישער ניגון 118